YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv13i14

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 13 Issue 14
December 1931

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 13, Iss. 14)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/496

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. XIII. No. 14. **Jersey City, N. J., December, 1931** **Price 10 Cents**

דער נייער ארויס־פאר פון די קלאוק מאנופעקטשורער וועגן איינפירען שטיק־ארבייט.

די קלאוק מאנופעקטשורערס האבען זיך אזוי שטארק פארבענקט נאך שטיק ארבייט, אז זיי האבען ניט געהאט קיין געדולד צו דערווארטען די צייט, ווען די פארהאנדלונגען וועגען באנייעם דעם אגרימענט מיט דער יוניאן דארפען זיך אנפאנגען און זיי האבען פארלאנגט, אז א קאנפערענץ מיט דער יוניאן זאל באלד גערופען ווערען.

פרעזידענט שלעזינגער האט וועגען דער אנגעלעגענהייט געמאכט אין דער פרעסע די פאלגענדע ערקלערונג:

„דער אינדאסטריעל קאונסיל אט צוגעשיקט א בריף צו דער אינטערנעשאנאל און צו דער קלאוק מאכער דזשאינט באארד מיט א גאנצער ליסטע פון ענדערונגען וואס זי שלאגט פאר פאר א נייעם אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטריע. איינע פון די ענדערונגען איז, אז יעדער שאפ זאל קענען ארבייטען ווי ער וויל — שעפער וואס ווילען ארבייטען פון וואך, זאלען ארבייטען פון וואך, און שעפער וואס ווילען ארבייטען פון שטיק, זאלען ארבייטען פון שטיק.

„אין דעם בריף באקלאגט זיך דער אינדאסטריעל קאונסיל, אז אין די אויטסייד שעפער ווערט געארבייט פון שטיק און אז די קאנקורענץ פון יענע שעפער איז שטארקער ווי ווען עס איז בעפאר. דער בריף זאגט נאטירליך ניט, אז דיזע שעפער זיינען באשאפען געווארען און ווערען גענאנטשעט פון מאנופעקטשורערס און דזשאבערס וואס ווילען זיך ארויסדרעהען פון יוניאן קאנטראל. דער בריף דערמאנט אויך ניט דעם פאקט, אז פאר־א־יאהרען, ווען דעם גאווערנאר'ס קאמישאן אין דער קלאוק אינדוסטריע האט, נאך א גענויער אונטערזוכונג, אויסגעפונען, אז אין די ברוקלינער קאנטראקטינג שעפער ווערט דער אגרימענט ניט אפגעהיט, האבען די מאנופעקטשורערס און דזשאבערס נ י ט אויפגעהערט צו שיקען קיין ארבייט אין יענע שעפער.

„דער איצטיגער אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטריע געהט אויס דעם ערשטען דזשון, 1932. אין דעם אגרימענט איז דא א פונקט אז אלע ענדערונגען וואס די צדדים ווילען מאכען פאר דעם צוקינפטיגען אגרימענט, מוזען זיי לאזען וויסען איינע די אנדערע וועגען די ענדערונגען מיט דריי מאנאטען פריהער. דער אינדוסטריעל קאונסיל האט זיך אונטערגעאיילט און אריינגעשיקט איהרע ענדערונגען מיט זעקס און א האלב מאנאטען פריהער. ווארשיינליך צוליב דעם, וואס זי וויל האבען מעהר צייט צו מאכען פראפאגאנדע פאר שטיק ארבייט, וואס וואלט די אינדוסטריע אריינגעווארפען אין נאך אן ערגערען כאאס.

„דער אינדאסטריעל קאונסיל פארלאנגט אין דעם בריף, אז א קאנפערענץ צו באשפרעכען איהרע ענדערונגען, זאל אפגעהאלטען ווערען אין צעהן טעג ארום. דאס איז ניט מעגליך. די קאנפערענצען וועלען זיך אנפאנגען ווען די יוניאן וועט אויך זיין פארטיג מיט איהרע ענדערונגען פאר דעם נייעם אגרימענט און דאס וועט געדויערען מעהר ווי צעהן טעג."

מען דארף ניט צווייפלען, אז די מאנופעקטשורערס וויסען ווען די פארהאנדלונגען וועגען באנייען דעם אגרימענט דארפען זיך אנפאנגען. און זיי וויסען זיכער אויך, אז עס איז ניט געשעפטסמעסיג ארויסצואווייזען אומגעדולד. ווארום אויב די מאנופעקטשורערס ווייזען ארויס אזא אומגעדולד וועגען דער איינפיהרונג פון שטיק ארבייט, דאן מוז עס ביי די ארביירטער פארשטארקען זייער געגנערשאפט צו שטיק ארבייט. נאר מיר פארשטייען, אז ביי די מאנופעקטשורערס איז עס ניט אזוי א פראגע פון אומגעדולד, נאר א פראגע פון פראפאגאנדע. זיי זוכען צוצוגרייטען די עפענטליכע מיינונג און עס זאל אויסקומען, אז די פאדערונג זייערע איינצופיהרען שטיק־ארבייט איז שוין א גאנץ אלטע. זיי האבען דעריבער אנגעפאנגען מאכען ערקלערונגען וועגען דער איינפיהרונג פון שטיק־ארבייט שוין מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק. זיי האבען עס געטאן ביי יעדער געלעגענהייט, וואס זיי האט זיך געמאכט. און מאנכעס מאל האבען זיי עס אפילו געטאן גאר אהן א פאסענדע געלעגענהייט.

די מאנופעקטשורערס וויסען גאנץ גוט, אז די קלאוק מאכער זיינען, מיט גאנץ קליינע אויסנאמען, אויסגעשפראכען געגען דער איינפירונג פון שטיק־ארבייט און אז זיי זיינען גרייט צו קעמפען מיט אלע זייערע כוחות געגען דעם. ווילען דעריבער די מאנופעקטשורערס זיך שוין אין פאראויס באזארגען, אז אין פאל עס וועט דארפען קומען צו אן אפענעם קאמף, זאלען זיי זיך קענען פארענטפערען, אז ניט זיי האבען דעם קאמף ארויסגערופען, ווייל זיי האבען פלוצים ארויסגעשטעלט א נייע פאדערונג איינצופיהרען שטיק־ארבייט. זיי ווילען אנווייזען, אז זייער פאדערונג איינצופירען שטיק־ארבייט איז שוין א גאנץ אלטע, אז זיי האבען שוין מיט צוויי יאהר צוריק געלאזט וויסען, אז זיי פאדערען די איינפיהרונג פון שטיק־ארבייט און אז זיי האבען כסדר עס געהאלטען אין דערמאנען און מען קען דעריבער ניט זאגען אויף זיי, אז זיי זיינען געקומען מיט עפעס א נייע, אונדערווארטעטע פאדערונג, וואס צווינגט צו אן אפענעם קאמף אין דער קלאוק אינדוסטריע.

די עפענטליכע מיינונג איז אין דער איצטיגער צייט גאר ניט פריינדליך צו די, וואס פאראורזאכען נייע שטערונגען אין דער אינדוסטריע. דער קריזיס איז שוין שווער גענוג און די אינדוסטריען זיינען שוין גענוג צושטערט. און די פיהרער פון די אינדוסטריען קענען זיך גאר ניט באריהמען, אז זיי האבען געפיהרט ווי עס דארף צו זיין, אז זיי האבען געפיהרט מיט א טאלק און אז דער קריזיס איז דעריבער ניט זייער שולד. אין געגענטייל. פון אלע זייטען ווערט געווארפען די שולד פון דעם איצטיגען קריזיס אויף די פיהרער פון די אינדוסטריען, אויף זייער פלאנלאזע, ניט אויסגערעכענטע פראדוקציע, אויף זייער ווילדער קאנקורענציע און אויף זייערע נארישע, משוגענע ספעקולאציעס. און דאס ווערט אנגעוויזען ניט בלויז פון סאציאליסטען און פון ארבייטער פיהרער, נאר אפילו פון קאפיטאליסטישע עקאנאמיסטען. מאנופעקטשורערס מיט א גע־

באשלוסען פון פערטעל יעהרליכען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנאל

וועגען טעקס פון 3 דאלאר 75 סענט

נאכדעם ווי עס איז פארגעלעזען געווארען דער רעזולטאט פון דער אפשטימונג וועגען דעם $3.75 טעקס און באריכטען פון פארשיידענע לאקאלס וועגען דער אפשטימונג זיינען אויסגעהערט געווארען איז אנגענומען געווארען דער פאלגענדער באשלוס:

דער שטייער פון 3 דאלאר 75 סענט, וואס איז אנגענומען געווארען פון א מאיאריטעט לאקאלס מיט א מאיאריטעט שטימען מוז גלייך באצאהלט ווערען פון אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל און עס איז די פליכט פון די באאמטע פון די לאקאלס דעם טעקס איינצומאנען.

עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז די יאנואר מיטגלידס-קארטען זאלען ניט ארויסגעגעבען ווערען צו קיינע מיטגלידער, וואס האבען ניט איינגעצאהלט דעם 3 דאלאר 75 סענט אסעסמענט.

וועגען דער דזשורידיקשאן פראגע צווישען לאקאלס 1 און 17

די קאמיטע וואס איז באשטימט געווארען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע אויף איהר מיטינג אין אטלאנטיק סיטי אין חודש מאי פון וועלכע פרעזידענט שלעזינגער איז דער פארזיצענדער, האט אריינגעטראגען איהר באריכט וועגען דער אונטערזוכונג וואס זי האט געמאכט וועגען דעם שטרייט צווישען לאקאל 1 און לאקאל 17 און האט דערביי ערקלערט, אז זי האט אויסגעפונען, אז די געגענזייטיגע באשולדיגונגען פון די לאקאלס פון פארכאפען מיטגלידער איינער ביים אנדערען זיינען ווייניגער ערנסט, ווי די פראגע פון דאפעלטער קאנטראל אין די שעפער וואס איז זעהר שעדלאך. דאס פארכאפען מיטגלידער וואס ווערט פראקטיצירט פון ביידע לאקאלס און וואס מוז אונבאדינגט אפגעשטעלט ווערען, איז דאך ניט די וויכטיגסטע פראגע אין דעם שטרייט, ווייל עס האנדעלט זיך ענדליך וועגען א פארהעלטניסמעסיג קליינער צאהל מיטגלידער וואס קענען פארנומען ווערען פון איין לאקאל אדער פון צווייטען. די וויכטיגסטע פראגע אין דעם שטרייט איז די דאפעלטע קאנטראל פון די צוויי לאקאלס אין די שעפער, וואס מיינט אפט אין גאנצען ניט קיין קאנטראל און וואס ברענגט אריין דעמאראליזאציע צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאן.

עס איז אויף דעם גרונד באשלאסען געווארען:

1. אלע שעפער וואו עס ווערען געמאכט קינדער קאוטס, ריפערס, פאיל פעבריקס, דזשוניאר קאוטס און אינטערמידיאיטס ביז סאיז 17 זאלען באצייכענט ווערען אלס שעפער פון לאקאל 17 און זאלען קאנטראלירט ווערען פון לאקאל 17. אלע אנדערע שעפער, וואו עס ווערען געמאכט רעגולערע קלאוקס, זאלען באצייכענט ווערען אלס שעפער פון לאקאל 1 און זאלען קאנטראלירט ווערען פון לאקאל 1.

2. אין שעפער, וואו ביידע קארטען ארבייט ווערט געמאכט, זאל די אנגעהעריגקייט פון שאפ באשלאסען ווערען לויט דעם וואס פאר א סארט ארבייט עס ווערט דארטען געמאכט מעהר. אויב רעגולערע קלאוקס ווערען געמאכט מעהר זאל דער שאפ קאנטראלירט ווערען פון לאקאל 1 און אויב עס ווערט געמאכט מעהר פון דער ארבייט, וואס ווערט באצייכענט אלס לאקאל 17 ארבייט, זאל דער שאפ קאנטראלירט ווערען פון לאקאל 17.

3. שעפער וועגען וועלכע די קאמיטע וועט זיך ניט קענען איינינגען צו וועמען זיי דארפען באלאנגען זאל די קאמיטע איבערגעבען די רעזולטאטען פון איהר אונטערזוכונג צו דער דזשענעראל עקזעקוטיווע פאר אן ענטשיידונג.

4. די אונטערזוכונגס קאמיטע ווערט אינסטרואירט גלייך אנפאנגען די קלאסיפיצירונג פון די שעפער פון לאקאל 1 און לאקאל 17 לויט די אויבען-דערמאנטע באשטימונגען.

5. די קאמיטע ווערט אינסטרואירט דורכצופיהרען די נויטיגע טראנספערירונג פון די מיטגלידער אין די שעפער צו די לאקאלס צו וועלכע זיי דארפען באלאנגען ניט שפעטער ווי אין א משך פון דריי חדשים.

אויף דעם פארלאנג פון פרעזידענט שלעזינגער וועט דעם פלאץ פון דעם פארזיצענדען פון דער קאמיטע פארנעמען ערשטער וויים פרעזידענט נינפא.

וועגען א גענעראל סטרייק אין דער דרעססמאכער אינדוסטריע אין ניו יארק

עס ווערט געגעבען די פולע מאכט צו די גענעראלע באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל און צו די ניו יארקער מיטגלידער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע צו באשטימען אלע פראגען וואס זיינען שייך צו רופען א גענעראל סטרייק אין דער ניו יארקער דרעס אינדוסטריע.

וועגען א דרעססמאכער ארגאניזאציאנס קאמפיין אין פילאדעלפיא

די גענעראל באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אינסטרואירט אנצופאנגען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין ביי די דרעסמאכער אין פילאדעלפיא.

די פאראייניגונג פון לאקאל 41 מיט לאקאל 66

עס ווערט איבערגעגעבען צו די גענעראל באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל צו פאראייניגען דעם לאקאל 41 פון פליטערס, טאקערס און העמסטיטשערס מיט לאקאל 66 פון די באנאז עמבראידערי ארבייטער.

וועגען פארלאנג פון באסטאנער קלאוקמאכער און דרעססמאכער

דער פארלאנג פון די באסטאנער קלאוקמאכער און דרעססמאכער, אז די אינטערנעשאנאל זאל זיי העלפען דורכפיהרען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין ווערט איבערגעגעבען צום גענעראל אפיס.

וועגען אן עפענטליכען ענטפער אויף די צושריפטען פון די לאקאלס 1 און 22

סעקרעטער טרעזשורער דובינסקי האט פארגעלעזען צוויי בריף, וועלכע ער האט ערהאלטען — איינעם פון לאקאל איינס און א צווייטען פון לאקאל 22. דער בריף פון לאקאל איינס לאזט וויסען אז דער לאקאל האט נידערגעשטימט דעם $3.75 אסעסמענט און באשולדיגט די אינטערנעשאנאל אז זי איז ניט גענוג עקאנאמיש. דער בריף פאדערט, צווישען אנדערע זאכען, אז די אינטערנעשאנאל זאל אפשאפען געוויסע לאקאלס און אפשאפען די באזונדערע דרעססמאכער דזשאינט באארד.

דער בריף פון לאקאל 22 לאזט וויסען אז דער לאקאל האט צוריקגעוויזען דעם $3.75 אסעסמענט און פארלאנגט אז דער דזשענעראל אפיס זאל רופען א קאנפערענץ פון אלע לאקאלען פון די קלאוס און דרעסמאכער דזשאינט באארדס, פאר דעם צוועק צוזאמענצושמעלצען די קערפערשאפטען און דעפארטמענטס פון דיזע אלע לאקאלען.

ווען די בריף זיינען פארגעלעזען געווארען האט וויים-פרעזידענט אנטאניני ערקלערט, אז דער איטאליענישער דרעססמאכער לאקאל 89 וועט קיינמאל ניט צושטימען אז דער דרעססמאכער דזשאינט באארד זאל זיך ווידער פארשמעלצען מיט דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד.

וויים פרעזידענט האכמאן האט באמערקט אז לאקאל 22 איז אויך אבסאלוט געגען אזא פארשמעלצונג.

פרעזידענט שלעזינגער רעדענדיג וועגען די בריף האט ערקלערט אז דורך די אלע יאהרען וואס ער איז פארבונדען מיט אנדערע ארבייטער אינסטיטוציעס געדענקט ער ניט א צייט ווען דער דזשענעראל אפיס איז געפיהרט געווארען אזוי עקאנאמיש ווי איצט. אלעס וואס עס האט געקענט געטאן ווערען צו פארקלענערען די אויסגאבען פון דזשענעראל אפיס איז געטאן געווארען, און אויב עס וועט נאר מעגליך זיין צו מאכען נאך מעהר עקאנאמיע וועט עס זיכער געטאן ווערען. פרעזידענט שלעזינגער האט אויך דערמאנט אז מיט דער אויסנאהמע פון די טאיפיסטקעס און אנדערע קלוירקס האבען אלע באאמטע און אנגעשטעלטע פון דער אינטערנעשאנאל פריוווילינ ארונטערגעלאזען פון זייערע וויידזשעס צעהן, פופצעהן און צוואנציג פראצענט.

סעקרעטער טרעזשורער דובינסקי האט דערביי אנגעוויזען מיט ציפער ווי גרויס עס איז די עקאנאמיע, וואס איז געמאכט געווארען אין דער פארוואלטונג פון דער אינטערנעשאנאל און האט אויסגעדריקט דעם וואונש, אז די פארוואלטונגען פון די לאקאלס זאלען נאכמאן דעם ביישפיל.

עס איז אויף דעם גרונד באשלאסען געווארען צו געבען די דערמאנטע צוויי לאקאלס אן עפענטליכען ענטפער אויף זייערע צושריפטען.

דער נעקסטער פערטעל יעהרליכער מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע

עס איז באשלאסען געווארען, אז דער נעקסטער פערטעל יעהרליכער מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע זאל אפגעהאלטען ווערען אין מאנאט פעברואר איידער עס וועלען זיך אנפאנגען די פארהאנדלונגן וועגען באנייען דעם אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטריע אין ניו יארק.

פאַרבייגעהענדיג

פון צביון.

עס איז אַלע מאָל געווען און וועט אַלע מאָל זיין לייכט אויסצונעמען ביים עולם ווען מען זאָגט איהם, אז ער זאָל צאָלען אין דער יוניאָן וואָס ווייניגער. איך געדענק ווען דעמאַגאָגען האָבען שיר ניט ארויסגערופען א רעוואָלוציע אין דער קלאוק מאכער יוניאָן ווען מען האָט ארויפגעלעגט א שטייער פון איין סענט א וואָך פאר דער „נייער פּאָסט", די דאמאלסדיגע וועכענטלאכע ציימונג פון דער יוניאָן. און מיינט ניט, אז א סענט איז אין יענער צייט געווען א גרויסע מטבע. מעהר ווי א לאַליפּאָפּ האָט מען אויך דאן פאר א סענט ניט געקענט קויפען. און הגם איך קען ניט זאָגען, אז איך בין אן עקספּערט אין פּאָקער און אין פּינאַקעל, בין איך אָבער דאָך זיכער, אז אויך דאן האָט מען מעהר ווי א סענט געשטעלט אין קאָן. אין קורצען, א סענט האָט דאן געהאַט כמעט אַזוי ווייניג ווערט ווי היינט. דאָך האָט זיך עס דעמאַגאָגען איינגעגעבען אויפצוהעצען א גרויסען טייל פון די קלאוק מאכער כמעט ביז צו רעוואָלט. און דאָס איז איינפאַך: דער רוף ניט צו צאָלען אַפּעלירט, ווייל ניט צאָלען איז געשמאַקער ווי צאָלען. און דערצו וויקלען אַלע מאָל איין די דעמאַגאָגען דאָס ניט צאָלען אין א רויט מענטעלע, זיי האָבען אַלע מאָל עפּעס א ראַדיקאַלען פּרינציפּ פאר ניט צאָלען. די ניט־צאָלער כאַפּען אויף אַזאַ אופן א דאָפּעלטע מציאה: אי עס בלייבט זיי די פּאָר סענט אין קעשענע, אי זיי פאַרדינען נאָך די מצוה פון זיין ראַדיקאַל און מקיים זיין א פּרינציפּ.

געוועהנליך קאָסטען פּרינציפּען און ראַדיקאַליזם געלד. אָט אַזאַ וועלט איז אונזערע, אז פאר אַלץ דאַרף מען צאָהלען, אפילו פאר מצוות. און ווען מען זאָגט איינעם, אז ער קען פאַרדינען א מצוה און דערביי נאָך איינשפּאָרען געלד, איז ער צופרידען צו פאָלגען. אָבער אין דעם ליגט טאַקע די גאַנצע דעמאַגאָגיע.

מען דאַרף האָבען פּרינציפּען אויף צו געבען, אָבער קיין שום פּרינציפּען אויף ניט צו געבען. אויף ניט געבען דאַרף מען בלויז געפינען א גוטען אויסרייד. עס זיינען פאַראַן קלוגע אידען, אז ווען מען קומט צו זיי בעטען אויף הכנסת כלה ענטפערן זיי, אז עס געפעלט זיי ניט דער שידוך. דאָס איז אויך א פּרינציפּ, אויב איהר ווילט. מען קומט ביי זיי בעטען נאָדאַן חתונה צו מאַכען אַן אָרים מיידעל און זיי געפעלט נאָר ניט דער חתן, טאָ ווי קענען זיי געבען? זיי ווילען דאָך ניט העלפען חתונה מאַכען אן אָרימע אידישע טאָכטער מיט א חתן וואָס טויג ניט. איז דאָס אפשר ניט פּרינציפּיעל? נאָר דאָך קען מען מאַנכען חושד זיין, אז ניט צוליב פּרינציפּ האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו געבען, נאָר ווייל עס איז געשמאַק ניט צו געבען.

**

וואָס איז דעמאָקראַטיע? — דעמאָקראַטיע איז ווי שטאַרבען אין ניסן. עס איז גוט צו שטאַרבען אין ניסן, זאָגען פרומע אידען, אָבער... אז אַנדערע זאָלען שטאַרבען.

די ערשטע באַדינגונגען פאַר דעמאָקראַטיע איז, אז מען מוז פאָלגען די באַשלוסען פון דער מאַיאָריטעט. דאָס מיינט ניט, אז מען מוז זיין איינשטימיג מיט די באַשלוסען פון דער מאַיאָריטעט. ווען מען איז איינשטימיג פאָלגט מען דאָך סאַי ווי סאַי און עס איז דאַן ניט נויטיג די דעמאָקראַטיע, אז זי זאָל הייסען פאָלגען.

נאָר אַנטקעגען וואָס פּלוצלונג זיך אַריינלאָזען אין א חקירה וועגען דעמאָקראַטיע? אָט אַנטקעגען דעם, וואָס לאָקאַל 1, לאָקאַל 9 און לאָקאַל 22 רײדען אַזוי פיל וועגען דעמאָקראַטיע אין דער יוניאָן, נאָר ווען עס קומט צו זיי מקיים זיין די מצוה פון דעמאָקראַטיע ווילען זיי ניט.

די דריי דערמאָנטע לאָקאַלס האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו צאָהלען דעם שטייער פון דריי דאָלאַר 75 סענט, הגם דער שטייער איז אָנגענומען געוואָרען פון א גרויסער מאַיאָריטעט לאָקאַלס און א גרויסער מאַיאָריטעט שטימען. עס הייסט, אַלזאָ, אז דעמאָקראַטיע איז גוט בלויז, ווען זי שטימט מיט מיר, אָבער זי טויג ניט, ווען זי שטימט געגען מיר.

נאָר ווי קען מען מיט אַזאַ באַציהונג צו דעמאָקראַטיע פיהרען א יוניאָן?

איך וועל, למשל, פרעגען: ווי אַזוי קען מען מיט אַזאַ מין באַציהונג צו דעמאָקראַטיע ערקלערען סטרייקס? עס איז כמעט אַלע מאָל פאַראַן א מינאָריטעט וואָס שטימט געגען א סטרייק. אויף דעם אופן, ווען א סטרייק וועט דערקלערט ווערען, וועט די מינאָריטעט זאָגען, אז זי פאָלגט ניט און וועט בלייבען אַרבייטען אין די שעפּער?

נאָר אפשר איז דאָס א צו האַרבע פראַגע? וועל איך פרעגען א לייכטערע: די לאָקאַלס באַשליסען מאַנכעס מאָל ספּעציעלע שטייערען. איך געדענק, אז לאָקאַל 1 האָט מיט א קנאַפּען יאָהר צוריק אַזאַ שטייער באַשלאָסען. געוועהנליך ווערען אַזעלכע שטייערען ניט אָנגענומען איינשטימיג. עס איז כמעט אַלע מאָל פאַראַן א מינאָריטעט, וואָס שטימט געגען. און אויב איך מאַך קיין טעות ניט איז אויך געווען א מינאָריטעט וואָס האָט דאַן געשטימט געגען דעם ספּעציעלען שטייער פון לאָקאַל 1. האָט, אַלזאָ, די מינאָריטעט זיך געקענט אָפּזאָגען פון צאָהלען?

איך האָב געוואָלט נאָך עטוואָס פרעגען. אָבער איך וואָלט פריהער וועלען וויסען וואָס עס מיינט דעמאָקראַטיע און וועגען וואָס פאַר א מין דעמאָקראַטיע עס ריידען שטענדיג די פיהרער פון לאָקאַל 1, לאָקאַל 9 און לאָקאַל 22.

**

דער נאָמינאַציאָנס מיטינג פון לאָקאַל 1 איז געווען זעהר א גרויסער. עס זיינען געווען, שאַצט מען, נאָענט צו אַנדערהאַלבען טויזענט מענשען. דאָס איז ווירקליך א סך. הגם אין דער אמת איז די צאָל אָפּעריטאָרס, וואָס זיינען ניט געקומען צום מיטינג, פיל, פיל גרעסער פון די וואָס זיינען יא געקומען.

ווי איך קען פאַרשטעהן, האָבען אַלע פּאַרטייען אין לאָקאַל 1 געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו ברענגען צום מיטינג וואָס מעהר פון זייערע אַנהענגער. די איינציגע פּאַרטיי, וואָס האָט קיין אָנשטרענגונגען ניט געמאַכט, איז געווען די פּאַרטיי פון די ניט־קומער און דאָך האָט זי געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג: צו יעדען אָפּעריטאָר, וואָס איז געקומען צום מיטינג זיינען געווען ווייניגסטענס דריי אָדער פיר, וואָס זיינען ניט געקומען.

GERECHTIGKEIT
A Labor Journal
Published every month by the International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 W. 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

BENJAMIN SCHLESINGER, President
DAVID DUBINSKY, Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.60 per year.

Vol. XIII. No. 14 December, 1931

Entered as Second Class matter, Aug. 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 24, 1912. Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

זיינען פאַראייניגט, וועט אָנפירען אן ענערגישען קאַמף און אן ערפאָלגרייכען קאַמף וואָס בעסער צו אָרגאַניזירען דעם טרייד און וואָס שטרענגער אָפּצוהיטען די יוניאָן באַדינגונגען אין די שעפּער.

און זאָל איך די פאַראייניגונג פון לאָקאַל 41 און לאָקאַל 66 דינען פאַר א ביישפּיל פאַר אַנדערע לאָקאַלס, וואָס קענען זיך פאַראייניגען. די גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאָנעל קען ניט צווינגען קיין לאָקאַלס זיך צו פאַראייניגען געגען זייער ווילען. דאָס קען טאָן בלויז א קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל. די גענעראַל עקזעקוטיווע, אָבער, איז שטענדיג גרייט מיטצוהעלפען די פאַראייניגונג פון לאָקאַלס, וואו אַזאַ פאַראייניגונג איז נאָר מעגליך.

פיהל פון פאראנטווארטליכקייט פיהלען זיך דעריבער אין דער איצטיגער צייט ניט באַקוועם, ווען מען זאגט אויף זיי, אז זיי האַבען געטריבען זייערע ארבייטער אין אן אפענעם קאמף און האבען דערמיט די איצטיגע שווערע לאגע נאך שווערער געמאכט.

און מען קען ליכט איינזעהן, אז טאקע צוליב דעם האבען די קלאוק מאנופעקטשורערס זייער פאדערונג איינצופיהרען שטיק ארבייט געווארבירט פארמאסקירען אויף אזא אופן, אז זיי זאלען קענען זאַגען, אז אין דער אמת'ן זוכען זיי גאר קיין זאך ניט ארויפצוצווינגען אויף די ארבייטער. אין געגענטייל. זיי גיבען זיי דעם פרייען אויסוואל: שעפער וואס ווילען ארבייטען פון וואך, זאלען ארבייטען פון וואך, און שעפער וואס ווילען ארבייטען פון שטיק, זאלען ארבייטען פון שטיק. אז מען וויל, קען מען אפילו דערפון מאַכען א פרינציפ פון פרייהייט.

נאר וואס מיינט עס, אז יעדער שאפ זאל קענען ארבייטען ווי ער וויל — וואך ארבייט אדער שטיק־ארבייט? מיינט עס, די ארבייטער פון שאפ, אדער דער באלעבאס פון שאפ?

מיר וואלטען וועלען זעהן א ביישפיל פון א שאפ, וואו די ארבייטער זאלען וועלען ארבייטען פון שטיק און דער באלעבאס זאל עס ניט וועלען.

מיר ווילען ניט פראבירען פארלייקענען דעם פאקט, אז עס זיינען פאראן היינט א סך קלאוק שעפער, וואו מען ארבייט פון שטיק. אבער מיר דארפען די מאנופעקטשורערס ניט פארזיכערען, אז דאס איז ניט וויל די ארבייטער ווילען עס. זיי וויסען גאנץ גוט, אז די ארבייטער ווערען געצוואונגען דערצו.

היינט צו וואס נאך פארמאסקירען די פאדערונג פון שטיק ארבייט, ווען די מאסקע איז אזא דורכזיכטיגע? די ווערטער „שעפער וואס ווילען" קענען דאך אנדערש ניט מיינען, ווי שעפער, וואס די באלעבאטים ווילען. און וועלכער באלעבאס אין דער קלאוק אינדוסטריע וויל עס איצט ניט שטיק־ארבייט אין זיין שאפ?

מיר זיינען געווים ניט חושד די מאַנופעקטשורערס, אז זיי זיינען מיט דער מאסקע, וואס זיי האבען אנגעטאן מיט זייער פאדערונג פון שטיק־ארבייט, אויסען אפצונארען די יוניאן. עס וואלט געווען א באלידיגונג פאר זיי, ווען מיר וואלטען זיי אנגענומען פאר אזעלכע נאאיווע מענשען. ניט די יוניאן מיינען זיי מיט דער מאסקע אפצונארען, נאר די עפענטליכע מיינונג. און מיר מוזען זיי געבען קרעדיט, אז עס איז ניט קיין נארישער איינפאל. אין דעם גרויסען ברייטען עולם זיינען פאראן גענוג שוטים, וואס קענען זיך לאזען אפנארען דורך דעם נייעם פרינציפ פון „פרייען" אויסוואל, וואס די קלאוק מאנופעקטשורערס האבען ארויסגעשטעלט. אבער ענדליך זיינען עס דאך ניט די שוטים, וואס מען קען אזוי ליכט אפנארען, וועלכע שאפען די עפענטליכע מיינונג.

אונז וועט נאך אויסקומען זיך צוריקצוקעהרען צו דער פראגע. אבער זאל עס שוין זיין קלאר פאר די מאנופעקטשורערס, אז ווען עס רעדט זיך וועגען דעם, וואס די שעפער ווילען, פארשטעהען מיר עס אלע מאל, אז דאס מיינט, וואס די ארבייטער אין די שעפער ווילען, און ניט וואס די באלעבאטים ווילען. און די ארבייטער אין די שעפער ווילען וואך־ארבייט.

די קאנפערענצען פון דער דרעס־מאכער יוניאן צו באנייען דעם אגרימענט.

די דרעס מאַכער יוניאן האט אנגעפאנגען קאנפערירען מיט די מ א נ ו פ ע ק־טשורערס וועגען באנייען דעם אגרימענט. מאנטאג, דעם 30טען נאוועמבער, איז אפגעהאלטען געווארען די ערשטע קאנפערענץ. די יוניאן איז אויף דער קאנפערענץ געווען פארטראטען פון פרעזידענט שלעזינגער מיט א קאמיטע פון דזשאינט באארד פון דער דרעס מאכער יוניאן און ברודער האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד.

שוין ביים ערשטען צונויפטרעפען זיך מיט די מאנופעקטשורערס האט מען געקענט זעהן, אז עס וועט זיין א שווערער קאמף. די מאנופעקטשורערס האבען גלייך געגעבען אן אנצוהערעניש, אז זיי וועלען באנייעם דעם אגרימענט בלויז ווען אין איהם וועלען געמאכט ווערען באדייטענדע ענדערונגען. און אויב זיי זיינען נאך ניט ארויסגעקומען קלאר מיט אלע, איז עס אבער דאך געווען גענוג קלאר, אז זיי שארפען די ציהען ניט בלויז צו פארקלענערען די פארדינסטען פון די ארבייטער אין זייערע שעפער, נאר אויך צו פארערגערען די באדינגונגען פון דער ארבייט. די יוניאן ווידער פון איהר זייט, האט איינגעשטימט, אז ענדערונגען דארפען טאקע געמאכט ווערען אין אגרימענט, אבער אזעלכע, וואס זאלען פארבעסערען און זיכער מאכען די לאגע פון די ארבייטער אין טרייד, און אז זי האט פאר דעם צוועק צוגעגרייט א רייה באשטימטע פאדערונגען.

פון דער ערשטער קאנפערענץ קען מען געוועהנליך ווייניג זאגען, וואו עס האלט, אבער אין דעם פאל האט מען, ווי שוין אויבען באמערקט, גלייך געפיהלט, אז עס וועט זיין גאר ניט ליכט זיך צונויפרעדען און אז די לאגע איז אן ערנסטע. און די ערשטע באדינגונג אין אזא ערנסטער לאַגע איז א וואס־שטארקערע פאראייניגונג פון כחות. די יוניאן מוז ארויסטרעטען מיט א פולשטענדיגען פאראייניגטען פראנט. לײדער פיהלט עס ניט די פיהרערשאפט פון לאקאל 22. עס מאכט דעם איינדרוק, ווי לאקאל 22 וויל מאכען שבת פאר זיך און געהן באזונדער און ניט צוזאמען מיט'ן דזשאינט באארד.

לאקאל 22 האט אפילו אויסגעארבייט באזונדערע אייגענע פאדערונגען, ווי עס וואלט אין גאנצען קיין דזשאינט באארד ניט געווען און ווי די גאנצע דרעס מאכער יוניאן וואלט באשטאנען פון לאקאל 22. אזוי קען זיך א יוניאן ניט פיהרען, בפרט, ווען מען גרייט זיך צו א שווערען קאמף. מען קען ניט געהן אין קאמף, ווען די אייגענע רייהען זיינען ניט פאראייניגט.

מיר האפען דעריבער, אז לאקאל 22 וועט נעמען אין באטראכט די ערנסטקייט פון מאמענט און וועט פארשטעהן, אז די איינגקייט פון דער יוניאן טאר איצט אויף דאס מינדעסטע ניט געשטערט ווערען.

די פאראייניגונג פון לאקאל 41 מיט לאקאל 66.

דער טאקער און העמסטיטשערס לאַקאל 41 האט זיך פאראייניגט מיט לאַקאל 66 פון די באנאז עמבראידערערס ארבייטער.

די פראגע וועגען דער צונויפשמעלצונג פון די ביידע לאקאלס איז פארהאנדעלט געווארען אויף דעם לעצטען מיטינג פון דער גענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנעל. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די צוויי טרעידס זיינען אין דער לעצטער צייט אזוי ענג פארבונדען געווארען, אז עס איז איינפאך איבעריג צו האבען צוויי באַזונדערע יוניאנס פאר זיי. א מאל זיינען די צוויי טרעידס געווען פיל מעהר אפגעזונדערט, עס זיינען געווען באזונדערע שעפער פון טאקערס און העמסטיטשערס און באזונדערע שעפער פון עמבראידערי ארבייט. אין דער לעצטער צייט אבער האבען זיך גאנץ באדייטענד פארמערט די שעפער, וואו ביידע סארטען ארבייט ווערען געמאכט. דאס איז גאנץ קלאר געווארען אין דעם לעצטען סטרייק, וואס איז גערופען געווארען פון דער באנאז עמבראידערי יוניאן. אויף דעם גרונד פון אט די פאקטען האט דער אפיס פון דער אינטערנעשאנעל געראטען די צוויי לאקאלס זיך צו פאראייניגען, אדער ריכטיגער, אז לאקאל 41 זאל זיך אנשליסען אן לאקאל 66. די צוויי לאקאלס האבען געפאלגט די עצה און האבען געלאזט וויסען, אז זיי זיינען גרייט זיך צו פאראייניגען און די גענעראל עקזעקוטיווע האט אויף איהר מיטינג אין פילאדעלפיע די פאראייניגונג גוט געהייסען.

מיר זיינען זיכער, אז די פאראייניגונג פון די טאקער און העמסטיטשערס מיט די עמבראידערי ארבייטער אין איין יוניאן וועט ניט נאר פארשפארען קאסטען און אויסגאבען, נאר עס וועט אויך פארשטאַרקען די קאנטראל פון דער יוניאן אין די שעפער און עס וועט זיין לייכטער צו ארגאניזירען די שעפער, וועלכע שטעהען נאך ניט אונטער דער קאנטראל פון דער יוניאן.

מיר באגריסען די טאקער, העמסטיטשער און עמבראידערי ארבייטער צו זייער פאראייניגונג אין איין יוניאן און מיר זיינען זיכער, אז לאקאל 66, אין וועלכען זיי

פאנעזער מיט די כינעזער וועלען זיך ווי־
דער אנפאנגען שלאגען, און עס זיינען דא
האפנונגען, אז ער וועט העלפען.

***

און מיר דארפען די פראספעריטי זעהר נויטיג אין אמעריקא, הגם ניט פאר די גרויסע באנקירען און פאר די וואל סטריט מאגנאטען. פון זיי איז די פראספעריטי גאר ניט אנטלאפען. זיי האבען איהר די גאנצע צייט. און חשבונות ווייזען, אז זיי האבען גראד אין די יאהרען פון קריזיס אויסגעמאכט ניט ערגער און אין מאנכע פא־לען נאך בעסער, ווי אין די פראספערי־טי יאהרען. מען דארף האבען די פראס־פעריטי צוריק, כדי אפצוראטעווען די אמעריקאנער ארבייטער, אז זיי זאלען ניט פארוואנדעלט ווערען אין בעטלער.

עס פאסט ניט פאר דעם כבוד פון די אמעריקאנער ארבייטער, האט מען אונז ערקלערט, אז אן ארבייטסלאזען פארזיכע־רונגס פאנד פון דער רעגירונג זאל איינ־געפיהרט ווערען, ווייל דאס קוקט אויס ווי צדקה. עס איז א „דאול", א נדבה, און דער אמעריקאנער ארבייטער איז צו שטאלץ זיך דאס צו ערלויבען. אבער עס זעהט אויס, אז עס פאסט פאר דעם שטאלץ פון דעם אמעריקאנער ארבייטער אנצוקו־מען צו איינפאכע, אפענע בעטלעריי. אמת, ער אליין, מיט ווייניג אויסנאמען, געהט ניט אין גאס בעטלען, אבער דער אונטער־שיד איז ניט קיין גרויסער, ווען אנדערע בעטלען פאר איהם. צווישען דעם אביון, וואס געהט אליין אין די הייזער און דעם, פאר וועמען אנדערע געהען צונויפקלייבען אין די הייזער, איז דער אונטערשיד בלויז אין דער פארם ווי ביידע פון זיי קריגען די נדבות, פאקטיש אבער לעבען זיי ביי־דע פון בעטלעריי.

אנשטאט די ארבייטסלאזע זאלען אויף א בכבוד'יגען אופן באקומען די הילף וואס עס קומט זיי און צו וועלכע זיי זיינען בא־רעכטיגט אין דער פארם פון ארבייטס־לאזען פארזיכערונג, האט מען די טרא־געדיע פון די ארבייטסלאזע פארוואנדעלט אין א גרויסע, שרייענדיגע און באלידי־גענדע שנאררעריי־אונטערנעמונג. מען בע־טעלט אין אלע גאסען, מען קלאפט אין אלע טירען פאר דעם „שטאלצען" אמערי־קאנער ארבייטער, וואס פאר זיין כבוד שטעהט ניט אנצונעמען הילף פון אן אר־בייטסלאזען פאנד געגרינדעט פון דער רע־גירונג.

די פראספעריטי מוז וואס גיכער קו־מען, אז ניט וועלען צעהן מיליאן ארביי־טער פארוואנדעלט ווערען אין בעטלער.

פלענער ווי שפּענער

פון ש. יאנאווסקי

●

אך, ווען פלענער וואלטען געקענט די מיליאנען דזשאבלאזע זאט מאכען, ווי אייזען־פעסט וואלט עס געווען אונזער גאנצער קאפיטאליסטישער רעזשים. פשוט עס וואלט געווען איהם ניט איינצובייסען.

איך דערמאן מיך אן א געוויסע שיל־דערונג אין טאלסטאי'ס אומשטערבליך ווערק „קריג און פרידען".

עס איז ערב דער גרויסער שלאכט אויף דעם באראדינא־פעלד צווישען דער פראנ־צויזישער און דער רוסישער ארמיי. זיצט דער אלטער קוטוזאוו, דער הויפט־קאמאנ־דיר פון דער רוסישער ארמיי, אויף א קלאץ ביי דער קרעטשמע, וואו ער שטעהט איין, און טראכט וועגען דעם בעפארשטע־הענדען קאמף. איז יעדע אנדערע מינוט קומט צו איהם צו אט דער, אט אן אנ־דערער פון זיינע לייטענאנטען מיט נאר א „טייערען" פלאן פאר דעם קומענדען קאמף. קוטוזאוו הערט יעדען פון זיי אויס גאנץ געדולדיג. ניט קיין שלעכטע פלענער. אבער אין זיין מוח זיינען דא הונדערטע אזעלכע פלענער, נאר ער ווייס דורך זיין אלטער ערפאהרונג, אז אט פון די אלע פלענער קאן זיך אויסלאזען גארניט מיט גארניט. ער ווייס, אז ניט דער אדער יענער פלאן איז באשטימענד פאר דעם רעזולטאט פון דעם קאמף, נאר דאס עס איז דא עטוואס גאנץ אנדערעס, וואס קאן ברענגען דעם זיג אדער דעם דורכפאל, און דאס איז, ווי שטארק די גאנצע ארמיי איז באגייסטערט פאר דעם קאמף. און דאס איינציגע, וואס דער אלטער קוטו־זאוו טוט, איז דאס ער טוט תפילה צו גאט. דאס, מיינט ער, איז אזוי גוט, אדער אזוי שלעכט, ווי דער בעסט־אויסגעקליגעלטער פלאן.

איך בין זיכער, אז אט די תפילה האט איהם ווייניג־וואס געהאלפען ארויסצוקומען אלס דער זיגער אין דער קומענדער שלאכט. אבער פונקט אזוי בין איך זיכער אין דער ווירקונגסלאזיגקייט פון די פארשיידענע פלענער, וועלכע זיינע לייטענאנטען הא־בען איהם צוגעטראגען.

און איך ערלויב מיר צו דענקען, אז אויך אין אונזער פאל פון מאכען א סוף צו דער גרויסער נויט, זיינען אלע פלענער פונקט אזוי ווירקונגסלאז.

און דער גרויסער טראבעל מיט די אלע פלענער (איינינע זעהר גוט געמיינטע, און אנדערע וועלכע האבען נאר אין זינען איי־גענע פערזענליכע אינטערעסען, באנוצענ־דיג זיך מיט דער איצטיגער שרעקליכער לאגע), איז דאס, וואס קיינער פון זיי ריהרט ניט אן דעם סאמע ווארצעל פון דעם שרעקליכען איבעל.

יעדער פלאן, גוט אדער שלעכט גע־מיינט, האט נאר אין זינען, ווי אזוי אויף א מאמענט צו מאכען די לאגע א ביסעל ערטרעגליכער, ניט טראכטענדיג נאר, וואס דאס איז ניט מעהר ווי א שטיקעל לאטע אויף דעם בגד, וואס איז אזוי צופרוכ־ניעט, אז מען קאן איהם שוין גארניט פארלאטען, און דאס מען מוז האבען א גאנץ נייעם בגד.

איך מיין צו זאגען, דאס אלע פלענער דרעהען זיך אין די ראמען פון דער איצ־טיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג, און עס פאלט איין נאר ווענינע, אז עס איז אט די ארדנונג, וועלכע טויג אויף כפרות, וועלכע האט שוין איהר צייט אפגעדינט און מוז ארונטערגעהן פון דער סצענע, ווי אלץ וואס איז אפגעלעבט, און וואס לענ־גער זי זשיפעט אלץ שעדליכער ווערט זי.

דער גערעטעניש אויף די פלענער איז נאר א געוואלטיגער. אונזערע גרויסע קעפ האבען זיך אפנים שטארק מתקנא געווען אן דעם פינף־יאהריגען פלאן אין רוס־לאנד. דארט הונגערען מענשען, און ווי עס הייסט, נעמען זיי עס אן באהבה, ווייל עס איז דא א פלאן, — טו ווארום זאלען מיר אויך דא ניט שאפען אזא מין פלאן? און דער עולם האט זיך א נעם געטאן צו שאפען פלענער, אזוי דאס איהר קענט ניט נעמען א צייטונג אין האנט און ניט גע־פינען יעדען טאג עפעס א נייעם פלאן.

וועגען אלע הואווערשע פלענער ווייסט איהר דאך מסתמא. צוערשט איז געקו־מען דער פלאן פון שאפען א סארט בורג־פרידען צווישען ארבייט און קאפיטאל. די ארבייטער פארפליכטען זיך צו זיין רוהיג, סטאטעטשנע, ניט מאכען קיינע סקאנדאלען, סטרייקס, דעמאנסטראציעס און די קאפיטאליסטען דארפען זיך פארפליכ־טען ניט צו שנידען קיין ווידזשעס, ניט סעקען קיין ארבייטער.

א גוטער פלאן, האט ער אבער ניט לאנג געארבייט.

דאן איז געקומען זיין פלאן פאר א מאראטאריום. אפשר וועט דאס העלפען? עס האט זיך אויך פון דעם גארניט אויס־געלאזען.

עס איז שלעכט, און עס ווערט אלץ ערגער. ארבייט ווערט וואס ווענינער, דער הונגער שטארקט זיך, בענק האלטען אין איין קראכען. איז געשאפען געווארען א נייער פלאן — א ביליאן דאלאר קארפא־ריישאן פון אלערליי גרויסע בענק, וועלכע זאלען ניט לאזען די קליינע אזוי פאלען, אלזא, פארלענגערען זייער גסיסה. אבער אויך דאס האט קיין פארלייכטערונג ניט געבראכט.

איך ווייס ניט וואס עס וואלטען געווען די רעזולטאטען פון דעם מיטינג, ווען עס וואלטען צו איהם געקומען מיט א פאר טויזענד אפעריטארס מעהר. עס קען זיין אז די רעזולטאטען וואלטען געווען די זעלביגע און עס קען זיין, אז זיי וואלטען געווען אנדערע. אבער דאס איז א שפיל אין טרעפעניש, וואס פירט צו גארנישט. און עס איז און אלטער כלל, אז הגם די פארטיי פון די ניט-קומער איז די גרעסטע, איז איהר ווערט דאך ניט גרעסער ווי נול. איך וועל דעריבער נעמען אין אנבאטראכט בלויז די פארטייען, וואס זיינען געקומען.

פריהער ווי אלץ, וואלט איך זאגען, האט דער מיטינג געוויזען ווי גרויס עס זיינען איצט די קאמוניסטישע כוחות אין לאקאל 1. מען קען ניט גענוי וויסען פון דעם מיטינג ווי גרויס עס זיינען די כוחות פון די אנדערע פארטייען, ווייל זיי זיינען ניט אזוי ארגאניזירט און דיסציפלינירט ווי די קאמוניסטען און מען קען אננעמען, אז מעהרערע פון זייערע אנהענגער זיינען צוליב איין אורזאך אדער א צווייטע צום מיטינג ניט געקומען. דאס קען אבער ניט זיין דער פאל ביי די קאמוניסטען. זייערע זיינען זיכער געקומען צום מיטינג ביז צום לעצטען מאן. דעם קרעדיט פון דיסציפלין מוז מען זיי געבען פולע הונדערט פראצענט. דער מיטינג האט געוויזען, אז די צאל קאמוניסטען אין לאקאל 1 איז ניט קיין גרויסע, אבער דאך גרויס גענוג ניט בלויז צו מאכען טראבעל, נאר אויך ביי א געלעגענהייט, וואס קען זיך זיי מאכען, צו אונטערגראבען די עקזיסטענץ פון דער יוניאן. פאר דעם צוועק זיינען זיי דאך אין דער יוניאן געקומען. די קאמוניסטען זיינען צוריקגעקומען אין דער יוניאן ניט מיט דעם צוועק איהר שטארקער צו מאכען, נאר מיט דעם צוועק איהר צוצוברעכען. און אויב דער אינערליכער קאמף אין לאקאל 1 צווישען די לאיאלע מיטגלידער, — עס הייסט צווישען די, וואס ווילען אויפהאלטען די יוניאן, — זאל ווייטער פארטגעזעצט ווערען, דאן זיינען פאראן אלע שאנסען פאר די קאמוניסטען צו דערגרייכען זייער ציל. דערפון איז לייכט צו ציהען דעם לאגישען שלוס, אז די אלע אין לאקאל 1, וואס זיינען פאראינטערעסירט אויפצוהאלטען די יוניאן מוזען געפינען א וועג ווי זיך צו אייניגען.

ווי דער צושטאנד איז איצט אין לאקאל 1, קען ער בלויז האבען א מינאריטעט רעגירונג. דאס האט אויפ'ן קלארסטען אופן געוויזען דער נאמינאציאנס מיטינג אין וועבסטער האל. די פארטיי פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע האט טאקע געקראגען מעהר שטימען, ווי יעדע פון די אנדערע צוויי פארטייען באזונדער, אבער א סך ווייניגער ווי די ביידע געגען-פארטייען צוזאמען. די פארטיי פון דער אדמיניסטראציע האט געקראגען בלויז א ביסעל מעהר ווי א דריטעל פון די אפגעגעבענע שטימען און דאס מיינט צו זאגען, אז די איצטיגע אדמיניסטראציע האט די מאיאריטעט געגען זיך.

עס איז גוט, וואס אין אונזער יוניאן עקזיסטירט ניט קיין פראפארציאנעלע וואהלען און דעריבער קען א פארטיי, וואס קריגט בלויז א מינאריטעט פון אלע אפגעגעבענע שטימען געווינען די רעגירונגס-מאכט, ווי דאס איז איצט דער פאל מיט דער פארטיי פון דער אדמיניסטראציע אין לאקאל 1. ווי וואלט אבער געווען ווען מען פירט איין מעהר דעמאקראטישע וואהלען, לויט וועלכע יעדע פארטיי זאל קריגען אזוי פיל פארטרעטער לויט דער צאל שטימען, וואס ווערען פאר איהר אפגעגעבען, עס הייסט ווען עס זאל איינגעפירט ווערען פראפארציאנעלע וואהלען, דאן וואלט די פארטיי פון דער אדמיניסטראציע טאקע געקראגען מעהר פארטרעטער, ווי יעדע פון די אנדערע צוויי פארטייען באזונדער, אבער זי וואלט דאך געווען אין א מינאריטעט און כדי צו קענען רעגירען וואלט זי געמוזט שאפען א קאאליציע, עס הייסט מאכען שותפות מיט א צווייטער פארטיי. און אויב איך מאך ניט קיין טעות איז דאכט זיך די פארטיי פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע אין לאקאל 1 פאר פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט.

איך גלויב, אז דא קען איך זיך אפשטעלען.

* * *

מען שעמט זיך, אבער מען זאגט דאך ביסלעכווייז אויס, אז אונזערע אמעריקאנער גרויסע באנקירען, אינדוסטריעלע מאגנאטען און וואל סטריט ספעקולאנטען, האבען געהאפט, אז פון דער שיסעריי צווישען די יאפאנעזער און כינעזער אין מאנדזשוריע, וועט ארויסוואקסען אן אמת'ע מלחמה און דאס וועט ברענגען פראספעריטי אין אמעריקע. און אט די מלחמה האפנונג איז עס געווען די אורזאך, וואס אויף וואל סטריט איז פאר עטלאכע טעג צייט געווען א גאנץ פרעהליכע שטימונג. עס האט געשטיגען דער פרייז פון ווייץ און עס האט זיך געהויבען קאטען; עס איז געווארען אן אויסבאפעניש אויף זילבער און עס האט זיך א הויב געטאן סטאקס אויף דער בערזע. מען האט אנגעגעבען פארשידענע תירוצים, ווארום די פרייזען אויף ווייץ, קאטען, קארן און זילבער שטייגען. די תירוצים געפונען, איז שוין אויך קלאר געווען ווארום סטאקס שטייגען. עס איז די פראספעריטי, וואס האט זיך אנגעפאנגען צוריקקערען אין אמעריקע. אבער עס איז ענדליך דאך ארויסגעקומען דער סוד, אז דאס האט מען ספעקולירט אויף דער האפנונג, אז גאט וועט רחמנות האבען און פון דעם קליינעם געשלעג צווישען יאפאן און כינע וועט ווערען א גרויסער און פון דער קליינער שיסעריי אין מאנדזשוריא וועט ווערען א גרויסע מלחמה אויפ'ן ווייטען מזרח און אז גאט וועט זיין גוט וועט די מלחמה ניט בלייבען בלויז צווישען כינא און יאפאן, נאר עס וועט אויך פארכאפען אמעריקא, ענגלאנד, רוסלאנד און פראנקרייך און עס וועט זיין פראספעריטי.

מען ווייס שוין איצט, אז ווען מען האט געקויפט ווייץ פאר העכערע פרייזען, האט מען געהאט אין זינען די שיסעריי אין מאנדזשוריא. און ווען עס איז געווארען א ווילדע ספעקולאציע מיט זילבער, האט מען ווידער געהאט אין זינען די שיסעריי אין מאנדזשוריא. מען וועט דארפען האבען מעהר זילבער אין כינא צו מאכען געלד. און ווען קאטען האט אנגעפאנגען שטייגען איז עס ניט געווען דערפאר וואס עס איז געווארן א גרעסערע נאכפראגע אויף באוועלנע סחורה, נאר ווייל וואטע איז א נויטיגער ארטיקעל אין דער שיס-אונטערנעמונג. קורץ און גוט, מען האט געהאפט, אז ענדליך האט גאט רחמנות געקראגען אויף זיין וועלט, וואס ליידט פון אזא שווערען קריזיס און ער האט איהר צוגעשיקט א מלחמה, אז זי זאל אויפגעריכט ווערען. פלוצים אבער, זיינען די גוטע האפענונגען צושטערט געווארען. און דאס האט גאר געטראפען, ווען די האפנונגען אויף אן אמת'ע גרויסע מלחמה האבען געהאלטען אין שטייגען. די שיסעריי צווישען די יאפאנעזער און די כינעזער האבען זיך געהאלטען אין פארגרעסערען און עס האט שוין טאקע אנגעפאנגען אויסוויזען אן אמת'ע מלחמה מיט א סך טויטע און מיט נאך מעהר פארוואונדעטע. און טאקע דאן קומט פלוצים א באריכט, אז יאפאן און כינא האבען איינגעשטימט צו ערקלערען א וואפען-שטילשטאנד און איבערגעבען זייער סכסוך צו דער פעלקער ליג. דאס איז געווען זעהר א טרויעריגע בשורה פאר וואל סטריט. די פרייזען פון ווייץ זיינען געפאלען מיט א קראך און די בערזע האט א ציטער געטאן. עס האבען א פאל געטאן סטאקס פון אלע מינים — פון שטאל און קופער ביז צאהן-בערשטלעך און שמעק-טאבאק. דאס איז געווען פרייטאג, דעם 20טען נאוועמבער. פרייטאג איז שוין פון אלע מאל ניט קיין מזל'דיגער טאג. מיט א וואך פריהער, פרייטאג, דעם 13טען נאוועמבער, איז אויך געווען א צרה. קיין וואונדער ניט. פרייטאג און דערצו נאך דער 13טער, מוז זיין שלימאזלדיג. אויך טאקע יענעם פרייטאג, איז אנגעקומען א באריכט, אז עס האלט דערביי, אז פון דער מלחמה זאל גארנישט ווערן. און עס האט טאקע גלייך א קראך געטאן אויף וואל סטריט. נאר מאנטאג איז געקומען א גוטע בשורה, אז די שיסעריי צווישען די יאפאנעזער און די כינעזער פארגרעסערט זיך און פארשטארקט זיך און די פרייזען אויף ווייץ און אויף סטאקס האבען זיך ווידער א הויב געטאן. נאר עס האט ניט געהאלפען. אין עטליכע טעג ארום איז די מלחמה ווידער קאליע געווארען. ניט באשערט אונז, אז די פראספעריטי זאל ווידער קומען. נאר אפשר וועט נאך גאט העלפען און די יא-

וועגען דער פראַגע פון וואָך אָדער שטיק־אַרבייט אין קלאָוק טרייד

פון בענדזשאַמין שלעזינגער.
פרעזידענט אינטערנעשאַנעל לעידיס גארמענטס וואָירקערס יוניאָן.

און נאָר צוליב דעם, ווייל זיי זיינען גענאַנגען להיפוך די פארשיידענע הערשענדע אינטערעסען אָדער זאָגאר הערשענדע פאָראורטיילען אָדער זאָגאר איינגעגעסענע געוואוינהייטען, טראַדיציעס?

וואָס מיר ווילען יאָ וויסען און וואָלטען זעהר שטארק געוואָלט האָבען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, איז: צי ברודער הילמאַן איז נאָך אַלץ אַ טרייד־יוניאָניסט?

איך מיין ניט צו פרעגען איהם, צי ער האָט אַ יוניאָן־ביכעל אין קעשענע. איך בין זיכער, דאָס ער האָט אַזעלכען, און דאָס ער צאָהלט זיינע דיוס גאַנץ פינקטליך. איך בין אָבער זעהר טשיקאַווע צו וויסען, צי גלויבט ער, אַז דער טרייד־יוניאָניזם קאָן נאָך אויך עטוואָס אויפטאָן.

פון זיין סטייטמענט, וועלכען ער האָט פאָרגעלייענט פאַר דער לאַפאָלעט־קאָמיטע אין וואַשינגטאָן, האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז ער האַלט ניט זעהר שטאַרק פון דער ווירקזאַמקייט פון טרייד־יוניאָניזם, אפילו ווען ער נעהמט האַנט אין האַנט מיט די מאַנופעקטשורערס. אַט זיינען הילמאַנ'ס אייגענע ווערטער:

„דאָס איז דער שלום, וואָס איך האָב דערגרייכט נאָך אַ צוואַנציג יאָהריגער פאַרבינדונג מיט דער קליידער אינדוסטריע, אַ העכסט קאָנקורירענדע אינדוסטריע וועלכע האָט ארויסגעוויזען אַ וואונש פאַר קאָאָפּעראַציע צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער. מען וועט אויסגעפינען דאָס אין אַזאַ צייט פון נויט ווי די איצטיגע איז די אינדוסטריע הילפלאָז סיי פאַר'ן ארבייטער און סיי פאַר'ן ארבייטסגעבער".

אַלזאָ, ניט די אינדוסטריע און ניט די טרייד־יוניאָן זיינען פון אירגענד אַ נוצען. עס מוז געשאַפען ווערען אַט דער רעגירונגס־אינסטרומענט, וועלכער זאָל אויפטאָן דאָס נויטיגע פאַר דער אינדוסטריע. דאָס איינפיהרען פון אַ פינף־טאָגיגער ארבייטס־וואָך און אַ זעקס־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, דאָס ערשטע וואָס ברודער הילמאַן האַלט פאַר העכסט נויטיג, אויך דאָס קאָן נאָר אויסגעפיהרט ווערען פון דעם פאַרגעשלאָגענעם רעגירונגס־אינסטרומענט.

אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, און אויב ברודער הילמאַן גלויבט טאַקע אין דעם, מעג איך זיך ערלויבען איהם צו שטעלען די פראַגע: צו וואָס אַלזאָ דאַרף מען האָבען אַ טרייד־יוניאָן? צו וואָס אויפהאַלטען אַן אינסטיטוציע, וואָס איז אַזוי הילפלאָז און מאַכטלאָז? צו וואָס אָנפיהרען אַלערליי סטרייקס, וועלכע קאָסטען אַזאַ אוצר מיט געלד און וועלכע פאָדערען אַזויפיל קרבנות, אויב דאָס אַלעס איז נוצלאָז?

מיר דאַכט זיך, אַז נאָך זיין סטייטמענט פאַר דער לאַפאָלעט־קאָמיטע אין וואַשינגטאָן איז ער שולדיג אַן ענטפער צו דער גאַנצער מעמבערשיפּ פון דער אַמאַלגאַמייטעד בפרט און צו דער גאַנצער טרייד יוניאָן באַוועגונג בכלל.

אין „פאָרווערטס" ווערען די לעצטע מאָנאַטען געדרוקט בריף וועגען דער פראַגע פון וואָך און שטיק ארבייט אין קלאָוק טרעיד. מאַנכע פון די בריף ענטהאַלטען ארגומענטען, אַז עס וואָלט געווען אַ טובה פאַר די קלאָוקמאַכער, מען זאָל צוריק איינפיהרען שטיק ארבייט.

איך בין איבערצייגט, אַז ווי ניט גוט עס איז די קלאָוק מאַכער איצט אונטער וואָך־ארבייט, וואָלט זיי נאָך פיל ערגער געווען אונטער שטיק־ארבייט. אונטער שטיק ארבייט וואָלטען זיי געארבייט פיל שווערער, ווי איצט, און פאַרדינט פיל ווייניגער, ווי איצט. וואָס אנבאַלאַנגט ליידינג־נעהער, וואָלט די צאָהל פון אַזעלכע קלאָוק מאַכער אונטער שטיק־ארבייט געווען מיט טויזענדער מעהר, ווי איצט.

שטיק ארבייט איז אַ יאָגעניש־סיסטעם. דער ארבייטער דענקט, אַז וואָס מעהר באַנדעלס ער וועט אויפמאַכען, אַלץ מעהר געלט וועט ער פאַרדינען. עס איז דעריבער לייכט זיך פאָרצושטעלען, ווי גרויס די ארמיי פון ארבייטסלאָזע וואָלט געווען, ווען די, וואָס וואָלטען געהאַט דזשאָבס, וואָלטען, אנשטאָט מאַכען קלאָוקס, „געשאָסען באַנדעלס", ווי זיי פלעגען עס טאָן אין די גוטע אַלטע צייטען, ווען זיי האָבען געארבייט פון שטיק.

איינער פון די ארגומענטען פאַר צוריק־איינפיהרען שטיק ארבייט, איז, אַז וואָך־ארבייט האָט צופיצעלט דעם טרעיד אין קליינע שאַפּעלעך. מען ווייזט אָן אויף דער גרויסער צאָהל סאַב־מאַנופעקטשורערס און קאָנטראַקטאָרס, וואָס זיינען איצט דאָ אין טרעיד, און אויף דער גרויסער צאָהל מאַנופעקטשורערס, וועלכע זיינען געוואָרען דזשאָבערס.

מיין ענטפער אויף דעם איז: עס איז ניט ריכטיג, אַז דער טרעיד איז צופיצעלט געוואָרען פון דער צייט, וואָס וואָך־ארבייט איז איינגעפיהרט געוואָרען. די סאַב־מאַנופעקטשורערס זיינען אויפגעשטאַנען לאַנג, לאַנג איידער די יוניאָן האָט נאָך אפילו געקלערט וועגען איינפיהרען וואָך־ארבייט. וואָס אנבאַלאַנגט די באַנדעל־קאָנטראַקטאָרס, זיינען זיי אַזוי אַלט ווי די אינדוסטרי אַליין. עס זיינען נאָך איצט דאָ אין ניו יאָרק אַ היבשע צאָהל קלאָוק־מאַכער, וואָס קענען עדות זאָגען, אַז אין די יאָהרען 1889—1894 איז די צאָהל פון קאָנטראַקטאָרס געווען צעהן מאָל אַזוי גרויס, ווי די צאָהל פון מאַנופעקטשורערס. די ריזיגע מאַנופעקטשורערס פון יענער צייט, ווי מאיר דזשאַנסאָן, פרידמאַן בראָס., בלומענטאַל בראָס., האָבען בלויז אַ גאַנץ קליינעם טייל פון זייער ארבייט געמאַכט אינסייד; דעם גרעסטען טייל האָבען זיי געמאַכט אין אוטסייד שעפער. די איינציגע צייט, וואָס די צאָהל פון אוטסייד שעפער איז ניט געווען אַזוי מורא'דיג גרויס, איז געווען אין די יאָהרען פון 1895—1910, ווייל אין יענע יאָהרען זיינען די קלאָוק מאַכער ניט געווען אָרגאַניזירט, און די מאַנופעקטשורערס האָבען אין זייערע אינסייד שעפער געקענט דריקען און שטיקען זייערע ארבייטער נאָך מעהר, ווי די קאָנטראַקטאָרס אין אוטסייד שעפער האָבען עס געקענט טאָן. אין יענע יאָהרען זיינען עס אויסגעוואַקסען אַזעלכע ריזיגע אינסייד פעקטאָריס, ווי ר. סאַדאָווסקי'ס, מאיר וועסעל'ס, דורסט און רובינ'ס, און צעהנדליגע אַנדערע, וועמעס נעמען עס זיינען שוין פאַרגעסען געוואָרען.

אַ צווייטער ארגומענט פון די, וואָס זיינען פאַר שטיק־ארבייט, איז, אַז אונטער וואָך־ארבייט האָבען ארבייטער, וואָס זיינען שוין אין די עלטערע יאָהרען, קיין טשענס ניט צו קריגען אַ דזשאָב, ווייל דער באָס זוכט אימער יונגע מענשען, אַזעלכע וואָס זאָלען קענען מאַכען מעהר ארבייט, און דער רעזולטאַט איז, אַז פילע עלטערע מענשען געהען ארום ליידיג.

מיין ענטפער איז: עס איז קיין פראַגע ניט, אַז פאַר עלטערע ארבייטער איז שווערער צו קריגען באַשעפטיגונג, ווי פאַר אינגערע מענשען, אָבער דאָס איז אויך ריכטיג ביי שטיק ארבייט. ביי שטיק ארבייט האָפט דער באָס, אַז יונגע ארבייטער וועלען ביים סעטלען פרייזען נעמען בילינער, ווייל זיי האָבען דאָך כח אויסצוארבייטען מעהר באַנדעלס.

און דאָס איז גערעדט וועגען באָסעס, וואָס האָבען גרויסע שעפער. אין די קליינע שעפער איז יעדער באָס פאַראינטערעסירט, צי ביי שטיק־ארבייט אָדער וואָך־ארבייט, אַז די עטליכע ארבייטער, וואָס קענען אין זיין שאַפּ אריינגעהן, זאָלען זיין אַזוי געשיקט ווי מעגליך.

וואָס אנבאַלאַנגט די עלטערע מענשען, וועלכע זיינען ארבייטסלאָז, איז ביי שטיק ארבייט דאָ אַן אַנדער געפאַהר, מיט וועלכער אונזערע קלאָוקמאַכער דאַרפען, דאַכט

איצט, ענדליך, האט מען זיך גענומען צום אלטען מיטעל פון אן אלגעמיינער שנארעריי, אום ניט צו דערלאזען די מיליאנען הונגער־לײַדענדע צו ווערען גענצליך פארצווייפעלט. קיין פראגע ניט, אז מאמענטאן וועט עס העלפען, אבער וואס וועט זיין ווייטער?

יא, ווען עס וואלט געווען זיכער, אז נאך דעם ווינטער וועט דאס אינדוסטריעלע ראד זיך ווידער אנהויבען צו דרעהען, און דאס די מיליאנען ארבייטסלאזע וועלען ווידער פארנעמען זייערע פלעצער אין די פארשיידענע פעקטאריס, מינס, אפיסעס, און אזוי ווייטער, וואלט עס אפשר געווען ניט קיין שלעכטער מיטעל, אבער ווער קען גאראנטירען, אז מיט דעם ווינטער וועט דער גרויסער קריזיס זיך ענדיגען?

וואו זיינען די צווינגענדע אורזאכען, אז ער זאל זיך ענדיגען? דאכט זיך, ווי עס זעהט אויס, וועט די הערשענדע דעפרעסיע מוזען ווערען אלץ ערגער. זיינען אבער אויסער דעם פרעזידענט דא אין אמעריקא אנדערע קאפ־מענשען. לאמיר ווארפען א קורצען בליק אויף זייערע פלענער.

עס איז אונזער גאווערנאר רוזוועלט, וועלכער האט די גרויסע אמביציע צו זיין דער צוקינפטיגער פרעזידענט פון יונייטעד סטייטס. אויך ער האט א פלאן. זיין פלאן איז צו פארשיקען א היבשען טייל פון דער שטאטישער באפעלקערונג אויף די פארמס. עס איז קיין פראגע ניט, דאס אונזער באפעלקערונג אין די גרויסע שטעדט איז שוין א ביסעל צו געדיכט. עס וואלט גארניט געשאדט, דאס זי זאל ווערען א ביסעל שיטערער. אבער צו פארשיקען איהר אויף די פארמס, און דארט הונגערען, ווי דאס איז דער פאל מיט גאר פילע פארמערס, איז דאס א פלאן, וועלכער קאן אויסגעפיהרט ווערען? דער פארמער, וואס זיצט שוין אויף זיין שטיקעל ערד, מוז, כדי ער זאל קענען האבען אויף זיין אויסקומעניש, זעהן וואס ווייניגער תבואה שאפען, כדי ער זאל קריגען וועניגסטענס פאר זיין סחורה די נויטיגע ארבייטס־קאסטען, און דא קומט אונזער גאווערנאר אליין און וויל באזעצען שטאדט־מענשען, וועלכע הויבען גאר ניט אן צו וויסען דאס מינדעסטע וועגען פארמעריי, און גלויבט, אז אויף דער פארם האבען זיי א גרעסערן שאנס, ווי אין שטאדט, צו האבען א שטיקעל ברויט.

עס קאן ניט זיין, דאס אונזער גאווערנאר זאל דאס ניט וויסען. ער איז שוין גארניט אזא נאר, אבער, פארשטעהט איהר מיך, אז אלע מאכען פלענער, וועלכע קריגען אזא בכבוד'יגען פלאץ אין דער פרעסע, טו ווי קאן אונזער גאווערנאר זיך צוריקהאלטען פון ארויסקומען אויך מיט זיין „פלענכען"?

און אט האבען מיר דעם סוואפ־פלאן, דורך וועלכען די ארבייטער זאלען זיין פארזיכערט מיט זייערע דזשאבס, אזוי דאס זיי זאלען ניט דארפען מעהר מורא האבען פאר דעם שרעקליכען מארגען, ניט פאר זיך און ניט פאר זייערע פאמיליעס. דארף מען, דאכט זיך, עטוואס בעסערס? איז אבער דא א צרה, דאס די טובה פאר די ארבייטער איז בלויז אן אויסרייד. די אמת'ע כונה פון דעם גאנצען פלאן איז דאס אלע אינדוסטריע־קאפיטאנען אין א געוויסער אינדוסטריע זאלען זיך קענען פאראייניגען אין איין גרויסען טראסט, וועלכער זאל קענען פיקסען די פרייזען פון זייער פראדוקט, און ניט דארפען מורא האבען פאר דער האלז־שניידענדער קאנקורענץ. די כונה איז, דאס די ארבייטער אין א געוויסער אינדוסטריע זאלען פראקטיש האבען בלויז איין באלעבאס. אמת, דער פלאן שלאגט אויך פאר, אז די רעגירונג זאל אויך האבען א שטיקעל דעה, אזוי אז דער טראסט זאל ניט קענען בארייסען דעם עולם. אבער די צרה איז די, דאס אזוי שנעל ווי די פארשיידענע טראסטס וועלען זיין ארגאניזירט, וועלען זיי דאך זיין פראקטיש די רעגירונג, און עס וועט ניט זיין קיינער, וועלכער זאל קענען צווינגען זייערע אפעטיטען ניט אין באצוג צום עולם בכלל און ניט אין באצוג צו זייערע ארבייטער בפרט, כאטש, ווי דער פלאן פאדערט, דארפען אויך די ארבייטער האבען זייער פארטרעטערשאפט אין דעם קאנטראל פון דער געגעבענער אינדוסטריע.

דער דאזיגער פלאן, קאן זיין, וואלט ווירקליך געקאנט מאכען א סוף צו דעם איצטיגען קריזיס און פיליכט צו אלע קריזיסען אין דער צוקונפט, ווארים ווען אלע מאנופעקטשורערס פון א געוויסער אינדוסטריע וועלען זיין פאראייניגט און ניט שטעהן מעהר איינע געגען די אנדערע ווי קאנקורענטען, וועט זיין מעגליך צו פראדוצירען דעם געוויסען ארטיקעל ניט אזוי פלאנלאז ווי איצט, נאר בלויז אזוי פיל, וויפיל עס וועט זיין די פאדערונג אויף איהם. עס וועט דארום אויפהערען די איצטיגע איבער־פראדוקציאן, וועלכע איז די אורזאכע פון אלע קריזיסען. יעדער מאנופעקטשורער וועט קענען נאר אזוי פיל פראדוצירען, וויפיל דער טראסט וועט פאר איהם באשטימען, לויט די ארבייטס־כחות וועלכע ער פארמאגט. אנגענומען, דאס איינער האט א פעקטארי מיט בלויז צעהן ארבייטער און בלויז צוויי־דריי מאשינען, וועט ער קענען טאן פראפארציאנעל בלויז אזויפיל ביזנעס און ניט מעהר. און טאמער וועלען זיין אזעלכע, וועלכע וועלען ניט מרוצה זיין צוצושטעהן צום טראסט, וועט שוין דער טראסט געפינען די נויטיגע מיטלען זיי אדער צו צווינגען אדער אין גאנצען זיי ארויסצוטרייבען פון דער אינדוסטריע.

דער פלאן איז, דאס אויב אין די יונייטעד סטייטס זיינען דא, למשל, הונדערט אינדוסטריען, זאלען אט די אלע אינדוסטריען זיך בילדען אין טראסטען און אין זייער מאכט וועט זיין די גאנצע עקאנאמישע ווירטשאפט פון לאנד.

יא, לויט דעם פלאן קאן געמאכט ווערען א סוף צו אלערליי קריזיסען, אבער צוזאמען מיט דעם ווערט איינגעפיהרט די ערגסטע שקלאפעריי, און עס איז שווער איינצוזעהן מיט וואס וועט דאן אמעריקא זיך קענען איבערנעמען געגען דער איצטיגער עקאנאמישער און פאליטישער שקלאפעריי, וואס הערשט אין רוסלאנד.

דער פלאן איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די ערגסטע און גרויזאמסטע דיקטאטור פון קאפיטאל. און איך קאן דערוויל בשום אופן ניט גלויבען, אז דאס אמעריקאנער פאלק זאל איינוויליגען ווען עס איז צו פארקויפען זיין בכורה — דאס ביסעלע פרייהייט, וואס ער האט נאך — פאר א טעפעל לינזען.

נאר דער לעצטער פלאן קומט פון א מענשען פון אונזערע איינענע רייהען, ניט פון קיין אנדערען, ווי פון דעם פרעזידענט פון דער אמאלגאמייטעד, ברודער סידני הילמאן.

ברודער הילמאן איז א גרויסער גלויביגער און אנהענגער פון א פלאן. לויט זיין מיינונג איז דער איצטיגער קריזיס דער רעזולטאט פון אונזער פלאנלאזיגקייט. אך, ווען עס וואלט געווען א פלאן אין 1920 און אזוי אין די אלע פאלגענדע יאהרען וואלטען מיר קיינמאל צו דעם איצטיגען קריזיס ניט געקומען. מיר וואלטען שוין מיט יאהרען פריהער געקאנט פאראויסזאגען דעם קריזיס און אנגענומען די ריכטיגע מיטלען געגען איהם.

אלזא, אויך ער איז פאר א פלאן, און זיין פלאן, אויב איך פארשטעה איהם ריכטיג, איז אריינצוגנב'ענען דעם שטאט־סאציאליזם אדער, ריכטיגער, דעם שטאט־קאפיטאליזם דורך דער הינטער־טיר.

ער וויל, אז דער קאנגרעס, וועלכער איז, לויט זיין מיינונג, דער פארשטעהער פון דעם גאנצען פאלק, זאל ווערען דער דיקטאטאר איבער דער גאנצער אמעריקאנער אינדוסטריע. די אינדוסטריע אליין, לויט זיין מיינונג, קאן ניט און וועט גאר ניט אויפטאן. ניט יעדע אינדוסטריע באזונדער און אפילו ניט אלע אינדוסטריען צוזאמען. נאר דער קאנגרעס — ער איז די איינציגע קראפט, וואס קען אונז ראטעווען.

עס איז דא ניט דער פלאץ אריינצולאזען זיך אין א ויכוח מיט ברודער הילמאן. מיר ווילען איהם אפילו ניט פרעגען, פון וואנען ער שעפט זיין גלויבען אין דעם כח פון קאנגרעס. האט ער שוין וואו באגעגענט אזא קאנגרעס, וואס זאל זיין אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון גאנצען פאלק, און איבערהויפט אין דעם וואוילזיין פון ארבייטער־קלאס? מיר ווילען איהם אויך ניט שטארק דאקוטשען מיט דער פראגע, צי ווייס ער דען ניט פון גאר פילע גוטע געזעצע, וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען צו פארשיידענע צייטען, און ווי זיי זיינען דאך געבליבען טויטע בוכשטאבען,

פון מאָנאַט צו מאָנאַט אין דער אַרבייטער באַוועגונג

פון ש. פאַרבער.

די באַוועגונג צווישען די באַלעבאַטים אין אַמעריקאַ צו שניידען די וויידזשעס פון זייערע ארבייטער האָט שוין אויך דערגרייכט די צום בעסטען אָרגאַניזירטע טריידס — די ארבייטער אויף די אייזענבאַהנען און אין דער בוי־אינדוסטריע.

אין די ביידע אינדוסטריען זיינען דורכ'ן לעצטען מאָנאַט פאָרגעקומען קאָנפערענצען צווישען פאַרטרעטער פון די יוניאָנס און פאַרטרעטער פון די באַלעבאַטים וועגען דעם פאַרלאַנג פון די לעצטע צו שניידען וויידזשעס. די באַלעבאַטים פון די אייזענבאַהנען זיינען מעהר מעסיג. זיי ווילען פאַרקלענערען די וויידזשעס פון די ארבייטער בלויז מיט צעהן פּראָצענט. די ארבייטס־געבער אין דער בוי־אינדוסטריע פאָדערען אַ סך מעהר. זיי זוכען צו שניידען די וויידזשעס מיט 25 ביז 30 פּראָצענט.

וואָס פון די קאָנפערענצען וועט זיך אויסלאָזען איז נאָך דערווייליע ניט באַוואוסט. וועלען די יוניאָנס „פריייוויליג" אננעמען אַ פאַרקלענערונג פון די שכירות, אָדער זיי וועלען זיך אנטזאָגען צו באַווילינען דעם פאַרלאַנג פון די באַלעבאַטים און עס וועט קומען צו אַן אָפענעם קאַמף; וואָס פאַר אַ פאָרמען דער קאַמף וועט אַננעמען, אויב עס זאָל קומען דערצו; צו וועט עס קומען צו אַ גענעראַל־סטרייק איבער'ן גאַנצען לאַנד, צו איינצעלנע לאָקאַלע סטרייקס אין די באַזונדערע געגענדען אָדער עס וועט נאָר אויסגעפאַכטען ווערען ביים „גרינעם טיש" דורך פאַרמיטלער און באָארד אָוו ארביטרישאָנס, קען מען נאָך דערווייל מיט באַשטימטקייט ניט זאָגען. איין זאַך איז קלאָר פון דער האַלטונג פון די פאַרטרעטער פון ביידע צדדים ביי די פאַרהאַנדלונגען; די באַלעבאַטים פיהלען זיך שטאַרק און האָפערדיג. זיי פיהלען אַז איצטער איז זייער צייט. די פיהרער פון די יוניאָנס פיהלען זיך שוואַך און מוטלאָז. ארגומענטירען און דינגען זיך מיט אַ האַלבען מויל.

פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיגע שטאַרקייט צו די פאַרטרעטער פון די באַלעבאַטים? זיכער נישט דערפאַר ווייל די גערעכטיגקייט איז אויף זייער זייט; ניט איבער דעם וואָס זיי האָבען שטאַרקע לאָגישע ארגומענטען צו איבערצייגען די ארבייטער, אַז זיי דאַרפען ארונטערלאָזען פון די מאַגערע שכירות וואָס זיינען שוין אַזוי אויך איינגעשרומפען געוואָרען צוליב דעם וואָס זיי האָבען וועניג ארבייט; זייער דרייסטקייט נעמט זיך דערפון וואָס זיי ווייסען, אַז די יוניאָנס זיינען אָפּגעשוואַכט, וואָס זיי פיהלען, אַז די ארבייטער, פאַרהונגערט און אויסגעמוטשעט פון 3 יאָהר קריזיס, זיינען ניט בכח צו געבען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד. עס איז נישט קיין פראַגע פון רעכט נאָר פון מאַכט, און די באַלעבאַטים פיהלען, אַז זיי האָבען איצט די מאַכט.

די בעסטע אילוסטראַציע פון דעם זיינען די ארגומענטען וואָס זיינען ארויסגעבראַכט געוואָרען פון די פאַרטרעטער פון ביידע צדדים ביי די קאָנפערענצען צווישען די פיהרער פון די אייזענבאַהן יוניאָנס מיט די פּרעזידענטען פון די ריילראָוד קאָמפּאַניס.

די באַלעבאַטים פון די אייזענבאַהנען האָבען באַגרינדעט זייער פאַרלאַנג פאַר אַ פאַרקלענערונג פון די שכירות הויפּטזעכליך אויף צוויי טענות. ערשטענס, דאָס וואָס די איינקונפט פון די אייזענבאַהנען האָט זיך דורך די לעצטע צוויי יאָהר שטאַרק פאַרקלענערט אַזוי אַז ביי די איצטיגע אויסגאַבען קען מען ניט צאָהלען די דיווידענדען אויף די אַקציעס און אָוועקלעגען גענוג געלד צו באַצאָהלען די וועקסלען אָדער באָנדס ווען זייער טערמין וועט אויסגעהן, און צווייטענס, דאָס וואָס דער פּרייז אויף לעבענס־מיטלען איז געפאַלען און די ארבייטער קענען איצט קויפען די זעלבע מאָס סחורה מיט ווייניגער געלד.

ראָבערטסאָן, דער פּרעזידענט פון דער בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינדזשינירס, האָט אויף דעם געענטפערט, אַז וואָס אנבאַלאַנגט די פאַרקלענערטע איינגאַמען קומט דאָך עס דערפון וואָס איבער'ן קריזיס פיהרט מען ווייניגער סחורה. אַלס רעזולטאַט זיינען אַ דריטעל פון אַלע אייזענבאַהן־ארבייטער, אַ האַלבער מיליאָן אין צאָהל, ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון די דזשאָבס און געהען אום לעדיג. אויך אַ דריטעל פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז אריינגעלעגט געוואָרען אין די אייזענבאַהנען, שטעהט לעדיג. עס שטעהען לעדיג די לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנעס, די שעפּער און ווערהייזער, עס ווערען ניט געברויכט די שינעס און בריקען. איז פון דעם האַלבען מיליאָן ארבייטער וועלכע זיינען ארבייטסלאָז און שטאַרבען פון הונגער, טראַכטען ניט די באַלעבאַטים אַז מען דאַרף זיי צאָהלען וויידזשעס; פאַר דעם דריטעל קאַפּיטאַל אָבער וואָס שטעהט לעדיג ווילען זיי האָבען די דיווידענדען, די געוועהנליכע פּראָפיטען. פונקט ווי דאַן ווען דער קאַפּיטאַל איז גענוצט געוואָרען. זאָלען די באַלעבאַטים ניט צאָהלען קיין דיווידענדען אויף דעם לעדיגען קאַפּיטאַל און בעסער באַזאָרגען מיט דעם געלט די ארבייטסלאָזע וועלכע האָבען ניט קיין אנדער קוואַל פון איינקונפט. זאָל מען איינפיהרען אַ זעקס שטונדיגען ארבייטס־טאָג אום די וואָס זיינען ארויסגעפאַלען זאָלען צוריקקריגען די דזשאָבס. זיכער אַ לאָגישע און גערעכטע טענה.

וואָס אנבאַלאַנגט דאָס וואָס פּראָדוקטען זיינען ביליגער געוואָרען ווייזען די יוניאָן־פאָרשטעהער אָן אַז ערשטענס איז עס ניט קיין יושר אַז דער לעבענס־סטאַנדאַרד פון די ארבייטער זאָל שטענדיג שטעהן אויף דער זעלבער נידעריגער שטופע ווי עס איז געווען פאַר'ן וועלט־קריג, ווייל ביי היינטיגע מאַשינען פּראָדוצירט יעדער ארבייטער וועניגסטענס 3—4 מאָל אַזוי פיל מאָל ווי ער האָט פּראָדוצירט אין 1913 און ער איז באַרעכטיגט צו לעבען בעסער. צווייטענס, איז מיט דעם פאַלען אין פּרייז פון פּראָדוקטען דאָך אויך געפאַלען דער ווערט פון די מאַטעריאַלען וואָס ליגען אין די אייזענבאַהנען, פאַר וואָס זשע ווילען זיי קריגען דעם זעלבען פּראָפיט אויף דעם איינגעשרומפּטען קאַפּיטאַל?

און ראָבערטסאָן פרעגט: וואו איז עס געהערט געוואָרען מען זאָל פאַרלאַנגען פון די ארבייטער זיי זאָלען געבען 10 פּראָצענט פון די וויידזשעס אַלס נדבה ניט פאַר זייערע ארבייטסלאָזע ברידער נאָר צו צאָהלען פּראָפיטען אויף ארבייטסלאָזע קאַפּיטאַלען?

זיינען זיכער די ארגומענטען פון די יוניאָן־פיהרער אי שטאַרקע, אי גערעכטע. אָבער וואָס העלפט עס ווען די מאַכט איז פאַרט ביי די באַלעבאַטים אין די הענט און זיי גיבען אָנצוהערען אַז זיי וועלען שניידען די וויידזשעס סיי ווי סיי.

די אייזענבאַהן ארבייטער זיינען אין דעם הינזיכט פון פאַרטיידיגען זיך געגען אַזאַ אָנגריף פון די באַלעבאַטים אין אַן אַנדער לאַגע ווי די ארבייטער פון אַנדערע אינדוסטריען. לויט דעם אייזענבאַהן ארבייטער־געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין קאָנגרעס באַלד נאָך דער מלחמה, ווען די רעגירונג האָט צוריקגעגעבען די אייזענבאַהנען צו זייערע אייגענטימער, טאָרען די ארבייטער ניט ארונטערגעהן אין סטרייק ווען זיי האָבען אַ סכסוך מיט די באַלעבאַטים. זיי דאַרפען ערשטענס געהן צו אַן ארביטריישאָן קאָמיטע. אויב מען קען זיך ניט איינינגען אויף די ארביטריי־טאָרס דאַן מעג דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען באַשטימען ארביטריי־טאָרס און זייער אנטשיידונג איז בינדענד פאַר ביידע צדדים. ווען די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניס וועלען איצטער שניידען וויידזשעס וועלען די יוניאָנס זיי דאַרפען קלאָגען צו הוווער'ס קאָמיטע. און מען מעג מיט זיכערהייט דערוואַרטען אַז הוווער'ס קאָמיטע זאָל אַנערקענען אַז „געזעצליכע" פּראָפיטען אויף קאַפּיטאַל דאַרף פריהער גענומען ווערען אין אנבאַטראַכט ווי די וויידזשעס פון די ארבייטער.

* * *

נאָך ערגער איז די לאַגע פון די ארבייטער אין דער בוי־אינדוסטריע. דער

מיר, זיין גוט באקאנט. דאס איז די גע־
פאהר, אז די פרייז־קאמיטע מיטגלידער
וועלען לײדען און זאגאר ארויסגעשטופט
ווערען פון זייערע דזשאבס. מיר גע־
דענקען נאך גאנץ גוט יענע יאהרען, ווען
די פראגע פון אט די קרבנות איז געווען
איינע פון די נאר ברענענדיגע אין אונ־
זער יוניאן.

א דריטער ארגומענט איז, אז וואך־
ארבייט האט די סיזאנס ניט לענגער גע־
מאכט, ווי מען האט ערווארטעט. און
אויב, זאגט מען, די חיונה פון די קלאוק־
מאכער און זייערע פאמיליעס איז אפ־
הענגיג פון די עטליכע וואכען סיזאן, וואס
זיי האבען יעדען האלבען יאהר, דארף
מען זיי געבען א טשענס אריינצוכאפען
וויפיל עס לאזט זיך נאר דורך דיזע עט־
ליכע וואכען.

דיזער ארגומענט איז לעכערליך. אויב
געבען א טשענס אריינצוכאפען דורך די
עטליכע וואכען סיזאן אזוי פיל, וויפיל עס
וועט זיך נאר לאזען, טא פארוואס שוין
ניט ערלויבען צו ארבייטען מיט ארויס־
העלפערס, אדער צו ארבייטען טאג און
נאכט, און שבת און זונטאג, אזוי ווי עס
איז געווען אין די אמאליגע יאהרען?

דער וויכטיגסטער ארגומענט פון די
וואס שרייבען פאר שטיק־ארבייט איז, אז
וואך־ארבייט ווערט ניט אפגעהיט. זיי
ווייזען אן, אז אין א גרויסער צאהל שע־
פער ארבייט מען בגנבה פון דער יוניאן
פון שטיק, און די ארבייטער, מורא הא־
בענדיג, אז די יוניאן זאל זיך דערפון
ניט דערוויסען, ארבייטען דארט בחצי חנם,
האלב אומזיסט. אויב, אלזא, זאגען זיי,
וואך־ארבייט ווערט ניט אפגעהיט, טא זאל
צוריק איינגעפיהרט ווערען שטיק־ארבייט,
און זאל די יוניאן אכטונג געבען, אז אין
די שעפער זאלען זיין פרייז־קאמיטעס צו
סעטלען די פרייזען.

די צרה מיט דעם ארגומענט איז, וואס
ער שטימט ניט מיט דער ערפאהרונג.
שטיק־ארבייט איז ניט קיין נייע ערפינ־
דונג. פרייז־קאמיטעס זיינען אויך ניט
נעכטען געבארען געווארען.

דורך די 9 יאהר, פון 1910 ביז 1919,
איז אין יעדען שאפ געווען א פרייז־קא־
מיטע. נאך מעהר, אין דעם אגרימענט
מיט דער אסאסיאיישאן איז אויך געווען א
פונקט, אז די פרייזען מוזען געסעטעלט
ווערען אזוי, אז אן אפרייטאר אדער א
פינישער זאל ניט פארדינען ווענינער ווי
א געוויסע סומע יעדע שטונדע. און וואס
איז געווען?

פרייז־קאמיטעס האבען אין יעדען שאפ
אפגעסעטעלט די פרייזען. די גארמענטס,
אויף וועלכע מען האט מיט דעם באס ניט
געקענט צו־רעכט קומען, האט אן אומ־
פארטייאישער אדזשאסטער געסעטעלט.
מען פלעגט די פרייז־ליסטען אפדרוקען און
זיי אנקלעפען אויפ'ן וואנט, אום אלע
ארבייטער זאלען קענען זעהן וואס די
פרייזען זיינען. אלצדינג איז געטאן גע־
ווארען לויט נאך דעם דין. נאר פון טאג
צו טאג פלעגט ווערען ווייניגער ארבייט
אין די אינסאיד שעפער. די באנדעלס
פלעגען זיך אוועקקייקלען אין די אוטסייד
שעפער, וואו די ארבייט פלעגט געמאכט
ווערען פאר ביליגער.

אין ווינטער סיזאן פון יאהר 1913
האט די יוניאן ארויסגערופען א דזשענע־
ראל סטרייק געגען די סאב־מאנופעקטשו־
רערס און קאנטראקטארס. די באסעס
זיינען באלד געקומען און געסעטעלט און
איינגעלעגט סעקיוריטי, אז זיי וועלען ריכ־
טיג נאכקומען דעם אגרימענט. די ער־
שטע פאר וואכען נאכ'ן סטרייק איז גע־
ווען אלראיט. אין די אינסאיד שעפער
איז געווארען מעהר ארבייט, אבער איי־
דער מ'האט זיך ארומגעקוקט האבען זיך
די באנדעלס ווידער גענומען ארויסקייק־
לען צו די אוטסייד־שעפער.

די יוניאן האט אנגעפאנגען שלעפען
די ארבייטער פון די אוטסאיד־שעפער צו
דער גריוועגס קאמיטע, אבער אין די
מעהרסטע פעלע האט דאס ווענינ געהאל־
פען, ווייל בידע, אי די באסעס, אי די
ארבייטער, האבען זיך געהאלטען איינינ.
די באסעס האבען גע'טענה'ט, אז זיי
צ א ה ל ע ן די באשטימטע פרייזען,
און די ארבייטער האבען געזאגט, אז זיי
ק ר י ג ע ן די פרייזען, וואס זיינען גע־
דרוקט אויפ'ן פרייז־ליסט.

עס איז, נאטירליך, זעהר טרויעריג,
וואס וואך־ארבייט ווערט אין א גרויסער
צאהל שעפער ניט אפגעהיט. אבער דאס
זיינען די זעלבע שעפער, צו וועלכע די
באנדעלס פלעגען זיך אוועקקייקלען אין
די יאהרען פון שטיק־ארבייט און פרייז־
קאמיטעס. דאס זיינען די שעפער פון די
סאב־מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס,
וואו מען פלעגט אונטער שטיק־ארבייט סעט־
לען די פרייזען מיט פופציג פראצענט
ביליגער ווי אינסאיד, און זעהר אפט אינ־
גאנצען די פרייזען ניט סעטלען.

די צרה איז ניט וואך־ארבייט, און די
רפואה איז ניט שטיק־ארבייט. די שווערע
פראגע איז די אוטסאיד־שעפער, אדער בע־
סער געזאגט, די שווערע פראגע איז, ווי
אזוי צו מאכען, אז די דזשאבערס און מא־
נופעקטשורערס זאלען זיין פאראנטווארטליך
פאר די ארבייטס־באדינגונגען אין זייערע
אוטסאיד שעפער; ווי אזוי צו מאכען, אז
די ארבייטער פון די אוטסאיד־שעפער זא־
לען זיין אזוי פראטעקטעד מיט זייערע
דזשאבס און מיט זייער שטיקעל ברויט,
ווי די ארבייטער פון די אינסאיד שעפער
זיינען.

אין עטליכע מאנאטען ארום וועלען זיך
אנפאנגען די קאנפערענצען צווישען אונזער
יוניאן און די דריי אסאסיאיישאנס, וועלכע
עקזיסטירען אין קלאוק טרייד. און דיזע
פראגע (די פראגע פון די אוטסייד שע־
פער) וועט זיין איינע פון די סאמע וויכ־
טיגסטע ביי די קאנפערענצען.

די אוטסייד־שעפער טארען ניט קאנקו־
רירען מיט די אינסייד שעפער, די ארביי־
טער פון די אוטסייד־שעפער מוזען אפ־
היטען וואך־ארבייט און אלע אנדערע יוניאן
סטאנדארדס, פונקט ווי די ארבייטער פון
די אינסייד שעפער, און די דזשאבערס און
מאנופעקטשורערס מוזען זיין פאראנטווארט־
ליך דערפאר.

די מויז אין פאסטקע

(פאבעל)

פון נחום י.

●

א מויז האט אין א פאסטקע זיך אריינגעכאפט.
ווי נאר דאס טירעלע האט זיך נאך איהר פארקלאפט,
האט באלד פארשטאנען אונזער מויז
אז זי וועט שוין פון דארטען ניט ארויס...
זי האט געהערט נאך פון איהר מוטער,
אז מייז באצאלען טייער פאר'ן ברויט מיט פוטער...
נאר וועלענדיג פארבלייבען פאר דער וועלט
א העלד,
האט אונזער מויז ביי זיך אזוי געמאכט א רעכט:
— „צי גוט, צי שלעכט —
מען דארף די זאך באנעמען ווי עס איז.
מען טאר אין זיך ניט זיין גענארט, געוויס...
דאך מוז מען אבער אויך צו מענשען בלייבען עהרליך...
זיי וואלטען אפשר מיך גאר ניט פארשפארט אהער,
אהינטער אייזען־גראטעס דיק און שווער,
ווען איך וואלט ניט געווען פאר זיי אזוי געפעהרליך..."

איהר ווייסט?
מיר אלע האבען אפט די זעלבע טרייסט.

יוניאָן און צייט נאָטיצען

פון פ. העלין

ביז איצט זיינען מיר געוואוינט געווען, אז די פיהרער פון ארבייטער קלאס, אז די פאָרשטעהער פון די אונטערדריקטע און עקספּלואטירטע מאסען זאָלען דראָהען מיט רעוואָלוציע. אזוי איז דאָס געווען אין דייטשלאנד, אין רוסלאנד, אין פראנקרייך און אנדערשוואו. ביי אונז אין אמעריקע איז דאָס, לײדער, פּונקט פאַרקערט. דאָ דראָהען מיט רעוואָלוציעס אנשטאָט די פיהרער פון ארבייטער קלאס, בורזשואזנע געלערטע און קאפּיטאליסטישע פּאָליטיקער, בעת מאנכע ארבייטער פיהרער וויסען ניט פון קיין אנדערע רייד אין צייט פון די גרעסטע ארבייטער לײדען, ווי צו פּרעדיגען פרידען צווישען ארבייט און קאפּיטאל, ווי צו אַפּעלירען צום קאפּיטאליסטישען יושר און זיך אָפּצוזאָגען פון סטרייקס, דראָהען קאפּיטאליסטישע פּאָליטיקער מיט רעוואָלוציעס און איבערקערענישען.

די קוילען מאגנאטען און וואָל סטריט מיליאָנערען, די אינדוסטריעלע פירסטען און די פינאנץ באראָנען וויסען אָבער, אז פאר די סטראשונקעס פון בארא'ס און סמיט'ס רעוואָלוציעס דארפען זיי זיך ניט שרעקען, און הערען דערווייל מעטיו וואָל'ס מאראל־דרשות ווי דעם קאָטער.

די מורא'דיגע ארבייטסלאָזיגקייט און די קאטאסטראָפאַלע פאָלגען, וואָס זי קען האָבען פאר דעם קאפּיטאליסטישען שטאָט און קלאס, האָבען געצוואונגען מאנכע פאָרשטעהער פון דער קאפּיטאליסטישער געלעהרטער וועלט און קאפּיטאליסטישער פּאָליטיק זיך צו פארטראכטען וועגען לינדערען די נויט פון די לײדענדע ארבייטסלאָזענדיגע מאסען בעפאָר זיי וועלען געצוואונגען ווערען דורך גוואלד־מיטלען זיך אליין צו העלפען.

אויב איהר וועט די ארבייטסלאָזע ניט באזאָרגען מיט ברויט פאר'ן ווינטער, וועלען זיי דאָס אליין באזאָרגען, — האָט געסטראשעט סענאטאָר בארא. דער איצטיגער קריזיס איז דער לעצטער פּרוביר שטיין פון דעם קאפּיטאליסטישען סיסטעם, האָט געזאָגט זיין געלעהרטער פארטיי פריינד, פּראָפעסאָר באטלער, פון דער קאָלאָמביא אוניווערסיטעט, און האָט פארלאנגט א נאַציאָנאַלען קאָנטראָל איבער די הויפּט אינדוסטריעס אין לאנד, א פינף טאָגיגע ארבייטס־וואָך און ארבייטסלאָזען אינשורענס. אויב איהר וועט ניט באזאָרגען די ארבייטסלאָזע מיט ברויט און וואָהנונגען פאר'ן קומענדען ווינטער, וועט איהר האָבען א רעוואָלוציע, סטראשעט דער געוועזענער גאָווערנאָר פון ניו יארק סטייט, אלפרעד סמיטה. געדענקט, אז קיינער איז ניט פארזאָרגט מיט קעיקס אזוי לאנג, אז אלע זיינען ניט פארזאָרגט מיט ברויט, וואָרענט אן אנדערער ניו יאָרקער געלעהרטער, פּראָפעסאָר דיואי, די רעגירער אין וואשינגטאָן.

זיינען דאָס אלץ גאנץ שעהנע ווערטער, און פאר נאאיווע מענשען א שעהנע טרייסט. ניט די ארבייטער און ניט די מיליאָנען ליידענדע פרויען און קינדער פון די מיליאָנען ארבייטסלאָזע מענשען וועלען אָבער פון דעם געהאָלפען ווערען. ווייל בארא און סמיטה און באטלער און פּראָפעסאָר דיואי, האָבען בלויז אזוי לאנג אן איינפלוס אויף זייער קלאס און די קאפּיטאליסטישע פּארטייען אזוי לאנג ווי זיי, פארעהרליכען דעם קאפּיטאליסטישען סיסטעם און די פרייע פּראָדוקציאָנס קאָנקורענץ, וואָס בארוט אויף ריקזיכטלאָזסטע אויסבייטונג און עקספּלואַטאציע, וואָס קימערט זיך ניט וועגען ארבייטסלאָזיגקייט און איהרע פאָלגען, און וואָס וויל ניט וויסען פון רחמנות און מיטלייד מיט מיליאָנען הונגעריגע פרויען און קינדער. ווי ווייניג מען קען זיך פארלאָזען אויף די שעהנע מאראלישע אפּילס פון די בורזשואזנע פּאָליטיקער און וויסענשאפטסלייט, און ווי ווייניג איינפלוס זייערע רייד האָבען אויף דעם קלאס, וועלכען זיי רעפּרעזענטירען, זאָל דינען דער פאָלגענדער ברוטאלער מענשען־פרעסערישער עדיטאָריעל פון די „פאָרבס", דער אָרגאן פון די רייכע אמעריקענער אינדוסטריאליסטען:

„ביזנעס איז ביזנעס", שרייבט פאָרבס. די אויפגאבע פון דער אינדוסטריע איז צו מאכען געלט, און מיר זיינען ענטשלאָסען דאָס צו טאָן. מיר קאָנצענטרירען זיך איינגאנצען אויף מאכען געלד. ווען מיר נעמען אָן, אז א ביליאָן דאָלאר וועט ברענגען גרעסערען פּראָפיט, נעמען מיר זיך דערצו און פיהרען עס דורך. איינער פון די לייכטסטע וועגען צו שניידען עקספּענסעס איז צו שניידען ווידזשעס און צו פארקלענערען דעם פּעי־ראָל. אודאי לייגען מיר אָפּ ארבייטער אויף לינקס און רעכטס. אויב עלטערע ארבייטער זיינען געוואָרען ווייניגער לייסטונגספעהיג ווייל זיי זיינען געוואָרען עלטער, איז דער לאָגישער רעזולטאט זיי זאָלען ארויסגעוואָרפען ווערען פון דער פעקטאָרי. נאַטירליך, ווענדען מיר אויך אָן די נייעסטע מאשינען, וואָס גיט אונז די געלעגענהייט צו פארקלענערען די צאָהל ארבייטער און פארקלענערט ווידער דעם פּעי־ראָל. אין אונזערע אויגען איז יענער מענעדזשער דער בעסטער, וואָס ווייס ווי אזוי מיט דער קלענסטער צאָהל ארבייטער צו פּראָדוצירען די גרעסטע מאָס פּראָדוקטען פאר דעם קלענסטען פּעי־ראָל. אונזערע „אָפּ טו דהי מינוט מעטאָדס" ערלויבען אונז אָפּצוזאָגען פילע ארבייטער — עס איז ניט אומגעוועהנליך פאר אונז צו אינסטאָלירען מאשינעס מיט וועלכע א האַלבער דאָזען מענשען ארבייטען מעהר אויס ווי הונדערט מענשען בעפאָר.

„יאָ, מיר וויסען, אז דורך די גרינדונג פון גיגאנטישע טראָסטס און דורך דעם שטענדיגען זוכען פון נייע ערפינדונגען און מאשינען האָבען מיר פאראורזאכט גרויס נויט צווישען די ארבייטסלאָזע; אָבער אנשטאָט צו ווערען קריטיקירט פאר דעם, דארפען מיר גאָר באקומען אנערקענונג פאר אונזער מייסטערשאפט און ערפאָלג אויף דעם געביט פון וויסענשאפט, האנדעל, אינדוסטריע און מענעדזשמענט. וואָס עס געשעהט מיט די מאסען ארבייטער, וואָס זיינען געוואָרען ארבייטסלאָז איז ניט אונזער עסק. אונזער פאראנטוואָרטליכקייט פאנגט זיך אָן און ענדיגט זיך מיט פיהרען אונזער ביזנעס שפּאָרזאם, מיט א טאָלק און מיט א מינימום פון מענשליכער ארבייט.

„ניין, די ארבייטסלאָזיגקייט, וואָס ווערט דורך דעם געשאפען, געהט ניט אריין אין אונזער אויסרעכענונג. אונזער פליכט איז מיט אלע מיטלען אויסצושטודירען און אויסצוגעפינען ווי אזוי פּטור צו ווערען פון מענשליכע דזשאבס, און ניט ווי אזוי זיי צו פארגרעסערען. אונזער געגענשטאנד איז געלט. געלט און וואָס מעהר געלט! אָבער ווייניגער און וואָס ווייניגער ארבייטער.

מיר זיינען צופיל פארטאָן אין מאכען פּראָפיטס, כדי צו קענען טראַכטען וועגען דעם, וואָס עס געשעהט דורך דער אורזאך, וואָס אונזער סיסטעם שאפט אלעס מעהר און מעהר ארבייטסלאָזע. ווי אזוי אויפצופּאסען אויף די ארבייטסלאָזע איז ניט אונזער זאך. מיר האָבען ניט קיין צייט זיך צו באדערען דערמיט. עס איז ניט אונזער זאָרג".

דאָס איז ברוטאל, אָבער אויפריכטיג.

* * *

עס וואָלט אסור געשאדט ווען מעטיו וואָל וואָלט געשענקט מעהר אויפמערקזאמקייט אָט דער ברוטאלע' אָפענער שפּראך פון די אמעריקאנער אינדוסטריע מאגנאטען, אנשטאָט צו בויען אויף פּרעזידענט הואווער'ס פארשפּרעכען און זיינע קאָנפערענץ האָפנונגען. מעטיו וואָל וואָלט זיך דאן איינגעשפּאָרט די גרויסע ענטוישונג. וואָס עס האָט איהם פאראורזאכט דאָס ווירדזשעס שניידען אין די לעצטע וואָכען. עס וואָלט איהם אפשר אויך געלערנט, אז עס איז א סך ווירדיגער פאר ארבייטער אָרגאניזאציעס אויסצוקעמפען פארזיכערונגס־געזעצען פאר די ארבייטער דורך דער מלוכה, איידער צו אַפּעלירען צום יושר און געפיהל פון דערארטיגע ריקזיכטלאָזע מאַמאָנס, ווי דאָס זיינען די הערען „פאָרבס".

נו, איז עס ניט זאָנדערבאר, וואָס דער פּרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר דענקט נאָך אלץ אז אין אזעלכע אומשטענדען איז נאָך אלץ עהרענהאַפטער צו בעטלען א טעלער זופּ און א שטיק ברויט, איידער פארזיכערט צו ווערען פון דער מלוכה דורך די מיטלען פון אלגעמיינע טעקסעס, אין וועלכע עס ליגט דער גלייכ־

פראצענט ארבייטסלאזע צווישען די קאר־
פענטערס, פיינטערס, מויערער, פלאמבערס
און די אלע אנדערע בילדינג טרייד אר־
בייטער איז נאך גרעסער ווי צווישען די
אייזענבאהן ארבייטער. די אייזענבאהן־
אינדוסטריע איז קאנצענטרירט אין די הענט
פון עטליכע גרויסע קאמפאניס. אריינ־
שמוגלען אין די טריידס בילינע ארבייטער
דורך דער הינטער־טיר פון סאב־קאנ־
טראקטארס, ווי מען טוט עס אין די ביל־
דינג־טריידס, איז ניט מעגליך. זייערע אר־
בייטסלאזע קומען דעריבער ניט דורך דער
פארגרעסערונג פון דער צאהל ארבייטער
אין טרייד, נאר דורך דער איינפיהרונג פון
נייע מאשינען און ארבייטס־מעטאדען וועל־
כע פארקלענערן די נאכפראגע אויף אר־
בייטער. אין די בילדינג טריידס ווערט
אבער פארגרעסערט די צאהל ארבייטסלאזע
דורך ביידע מיטלען. ערשטענס דורך איינ־
פיהרען נייע ארבייטס־מעטאדען און מאטע־
ריאלען וועלכעס מאכט מעגליך צו פראדו־
צירען מעהר מיט ווענינגער ארבייטער, און
צווייטענס דורך אריינציהען אין טרייד אלץ
נייע און נייע קאדרען בילינע הענט דורך
די ניט ארגאניזירטע „בוטלעג"־שעפער.
איבער דער צוברעקלונג אין די בילדינג־
טריידס איז אויך שווערער, פאקטיש אומ־
מעגליך, פאר די יוניאנס צו האבען א פול־
שטענדיגען קאנטראל איבער די ווידזשעס
און ארבייטס־באדינגונגען. דערפאר איז
אין דער צייט וואס די באהן־ארבייטער איז
געלונגען אנצוהאלטען זייערע סקיילס פאר
די וואס זיינען באשעפטיגט דורכ'ן קריזיס,
אין די ווידזשעס און די באדינגונגען פון
די ארבייטער אין די בילדינג טריידס גע־
וואלדיג געזונקען טראץ דעם וואס ביז איצט
זיינען די סקיילס אפיציעל געשניטען גע־
ווארען בלויז אין ווענינע איינצעלנע פאלען.

עס איז א פאקט, וואס אלע ווייסען, אז
אין ניו יארק צום ביישפיל וואו דער
יוניאן־סקייל פאר בוי־ארבייטער איז 13
דאלאר מיט 20 סענט א טאג, קען מען
פאר די לעצטע 2 יאהר פאקטיש ניט גע־
פינען קיין בעל מלאכה וואס קריגט די
יוניאן ווידזשעס. בעל מלאכות ארבייטען
איצט פאר אזוי ווענינ ווי 5—6 דאלאר א
טאג. פאראן א סך פאלען וואו די וויי־
דזשעס פון די ארבייטער זיינען ארונטער־
געדריקט געווארען נאך נידעריגער. און
דאס איז טאקע איינער פון די ארגומענטען
וואס די באסעס גיבען אן פאר וואס די
יוניאנס זאלען אפיציעל פארקלענערן די
סקיילס.

די טענה פון די בעלי בתים איז, אז
איצט, ווען זיי זיינען געצוואונגען צו באַ־
האלטען זיך פון דער יוניאן מיט די נידע־
ריגע שכירות וואס זיי צאהלען זיינען זיי
קיינמאל ניט זיכער ווען זיי נעמען א קאנ־
טראקט אויב זיי וועלען עס קענען מאכען
אזוי בילינ ווי זיי האבען גערעכענט לויט
די קלינע ווידזשעס. ווען די יוניאנס וועל־
לען אבער צושטימען צו פארקלענערן די
סקיילס וועלען די באלעבאטים זיין זיכער.

זיינען היינטיגען מאנאט געהאלטען גע־
ווארען קאנפערענצען צווישען די פיהרער
פון בילדינג טרייד קאונסיל פון ניו יארק
מיט פארטרעטער פון דער בילדינג טריידס
עמפלאיערס סאסיאיישאן. די קאנפערענצען
זיינען געהאלטען געווארען אונטער געשלאַ־
סענע טירען. וואס דארט איז פארגעקומען
ווייסט מען ניט. מען האט בלויז פאר־
עפענטליכט אז די באלעבאטים פארלאנגען
א פארקלענערונג פון די ווידזשעס פון
פולע בעל מלאכות מיט 25 פראצענט און
ווידזשעס פון ארויסהעלפער זאל פארקלע־
נערט ווערען מיט גאנצע 30 פראצענט. א
קאנפערענץ איז אויך געהאלטען געווארען
צווישען פארשטעהער פון דער בריקלייערס
יוניאן וועלכע באלאנגען נישט צום בילדינג
טרייד קאונסיל מיט דער אסאסיאיישאן פון
זייערע באלעבאטים און אויך זיי האט מען
געשטעלט די זעלביגע פאדערונג.

כאטש די אפיציעלע פארהאנדלונגען
באציהען זיך בלויז אויף דעם ניו יארקער
מארקעט, איז אבער ניו יארק אלע מאל דער
ביישפיל וועלכען אלע אנדערע שטעדט אין
לאנד פאלגען נאך. מען מעג דעריבער מיט
זיכערהייט פאראויסזאגען אז וואס עס וועט
געשעהן אין ניו יארקער מארקעט וועט גלייך
נאכגעפאלגט ווערען אין דער בוי־אינדוס־
טריע איבער'ן גאנצען לאנד. די אמת'ע
פראגע ביי די פארהאנדלונגען אין ניו יארק
איז דעריבער, צי זאלען די ווידזשעס פון
די אומגעפעהר 2 מיליאן בוי ארבייטער
אין אמעריקא געשניטען ווערען אדער ניט.

די איינציגע יוניאן, וועלכע האט פאר־
לויפיג אפיציעל צוריקגעווארפען דעם פאר־
לאנג פון די באלעבאטים ארונטערצולאזען
פון די שכירות זיינען די בריק־לייערס. ביים
מיטינג פון זייער דיסטריקט קאונסיל איז
באשלאסען געווארען ניט נאכצוגעבען קיין
פארקלענערונג און זיך גרייטען צו א קאמף
ווען נויטיג. די יוניאנס וועלכע זיינען אנ־
געשלאסען אן בילדינג טרייד קאונסיל האַ־
בען נאך פארלויפיג קיין שטעלונג ניט גע־
נומען. קיין איבעריגס גוטער סימן איז
דאס ניט.

וואס פון די קאנפערענצען זאל ניט
ארויסקומען, דער פאקט אליין אז די באַ־
וועגונג פון אמעריקאנער קאפיטאל צו
שניידען ווידזשעס און צוריקשטויסען די
ארבייטער צו דעם לעבענס סטאנדארד וואס
זיי האבען געהאט פאר'ן וועלט־קריג, האט
שוין דערגרייכט צו די אייזענבאהנען און
בוי־אינדוסטריען, די איינציגע צוויי פונדאַ־
מענטאלע אינדוסטריען אין אמעריקא וואו
די ארבייטער זיינען ארגאניזירט אין פעס־
טע יוניאנס וועלכע זיינען דער רוקען־ביין
פון דער ארגאניזירטער טרייד יוניאן באַ־
וועגונג אין אמעריקא, באווייזט וואס די
ארבייטער קענען דא ערווארטען אין דער
נאהענטער צוקונפט. די טרייסט פון די
פיהרער פון דער אמעריקען פעדערישאן
אוו לייבאר, אז מען שניידט דא ווידזשעס
בלויז אין אזוינע אינדוסטריען וואו די אר־
בייטער זיינען ניט ארגאניזירט אין יוניאנס
און די ארגאניזירטע טריידס וואגט מען ניט
אנצוגרייפען, האט געפלאצט. אוראי האַ־
בען די באלעבאטים צוערשט אטאקירט די
ארבייטער אויף זייערע שוואכסטע פאזיציעס,
אין די טריידס וואו זיי זיינען ניט ארגאַ־
ניזירט און קענען ניט געבען קיין געהעריגען
ווידערשטאנד. דאס איז אבער בלויז גע־
ווען אן אנהויב. אזוי שנעל ווי דער אנ־
הויב איז געלונגען, ווען די ווידזשעס פון
די ניט ארגאניזירטע ארבייטער זיינען גע־
שניטען געווארען, געהען זיי ווייטער און
גרייפען אן די ארגאניזירטע טריידס. עס
מוז שוין איצט קלאר זיין פאר אלעמען, אז
די באלעבאטים זיינען אנטשלאסען צוריק־
צושלאגען די ארבייטער אויף דער גאנצער
ליניע.

וואס וועט זיין דער ענטפער פון די
יוניאנס ? וועלען זיי זיך ווייטער באנוגענען
מיט ארגומענטירען און אפעלירען צים גע־
רעכטיגקייטס־געפיהל פון א טויבער וועלט ?
אדער וועלען זיי זיך ענגער צוזאמענבינדען
און מיט פאראייניגטע כחות צוריקשלאגען
דעם אנגריף פון די באלעבאטים ? וועט
די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר אויף
ווייטער זיך באנוגענען מיט זאגען מוסר
די בעלי בתים און זיי אנווייזען אז שניי־
דען ווידזשעס איז אן אומגליק פאר'ן לאנד,
אדער וועט זי צוזאמענגעמען אלע כחות
פון די דריי מיליאן ארגאניזירטע ארביי־
טער און זיך אריינווארפען אין א קאמף
אויף לעבען און טויט צו פארטיידיגען דעם
לעבענס־סטאנדארד פון די ארבייטער, ווי די
פיהרער האבען עס פארשפראכען אין זייע־
רע רעזאלוציעס ביי דער לעצטער קאנווענ־
שאן אין וואנקאווער ? אין די נעקסטע
עטליכע וואכען וועלען די יוניאנס מוזען
געבען אן ענטפער אויף דער פראגע.

* * *

אויף וואס דער צווישעטער קאפיטאל
איז פעהיג ווען עס האנדעלט זיך וועגען
שניידען ווידזשעס, באווייזען צום בעס־
טען די קוילען־באראנען אין קענטאקי.
דארטען האבען די מיינערס געהאט דעם
מוט זיך געגענשטעלען און ארויסגעהן אין
סטרייק ווען די באסעס האבען פרובירט
נאך טיפער שניידען זייערע הונגער־
שכירות. נאך מעהר, זיי האבען געהאט די
„חוצפה" זיך געגענצושטעלען און פארטיי־
דיגען זייערע לעבענס געגען די גענגסטער
און מערדער וועמען די קאמפאניס האבען
אנגעשטעלט צו טעראריזירען די סטרייקער,
און די רעגירונג האט זיי געהייליגט דורך
געבען זיי „בעדזשעס" אלס דעפיוטי שע־
ריפס.

זיינען 3 פון די געדונגענע בויאנעס
דער'הרג'עט געווארען אין קאמף מיט די
סטרייקערס. משפט מען איצט 11 מיינערס
אויף דער קלאגע פון מארד. און אום צו
זיין זיכער, אז זיי וועלען ניט אין גאנצען
ארויס פריי אין פאל א דזשורי וועט זיך
אנטזאגען צו שיקען זיי אויף דער תליה,
האט מען צוגעטשעפעט א צווייטע קלאגע

(שלוס אויף זייט 12)

אין דער קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד פון ניו יאָרק

פון מ. י. אשביז, סעקרעטאַר דזשאָינט באָארד

זינט אַמעריקא איז אַ מדינה, ווערט דער טהענקס־גיווינג טאָג געפייערט אַלס וויכטי־גער יום־טוב. אין אונזער פאַך, ביי דער ארבייט פון קלאָוקס, איז דיזער יום טוב אַלע מאָל געוועזן די ענדע פון ווינטער־סיזאָן, וועלכער פלעגט זיך אָנפאַנגען ארום דעם 15טען אויגוסט און זיך ענדיגען ארום טהענקס־גיווינג.

ווען אַ קלאָוקמאַכער דערמאָנט זיך היינט אָן אַמאָליגע סיזאָנס האָט ער זיכער היינ־טיגען יאָהר קיינע אורזאַכען צו פייערען דיזען יום טוב. קיינמאָל אין דער היס־טאָריע פון קלאָוק־טרייד, איז נאָך ניט גע־וועזן ביי אונז אַזאַ טרויעריגער ווינטער־סעזאָן ווי היי־יאָהר.

אז דעם קלאָוקמאַכער איז שלעכט, ווען ער פאַרדינט ניט, איז ער באַרייט, אָהן אַ דין און אָהן אַ משפט, צו באַשולדיגען און צו פאַראורטיילען יעדען איינעם. אין די מעהרסטע פעלע באַשולדיגט ער גראַדע די, וואָס זיינען אַם ווענינגסטען שולדיג — זיינע יוניאָן־באַאַמטע.

עס איז שווער פאַר אַ הונגעריגען צו פאַרענטפערען זיך; אָבער אויב מען באַ־רעכענט, אַז ווען אַלע לעבען דורך אַ קריזיס, איז אויך ביי דער יוניאָן גופא ניט קיין פּראָספּעריטי..., ווערט דאָן קלאָר, אַז אָנ־שטאָט קריטיק און פאָדערונג האָט די יוניאָן גאָר פאַרדינט אַ לויב־געזאַנג. כאָטש די אומשטענדען זיינען אַזעלכע צרה'דיגע, אָב־וואָהל זי מוטשעט זיך, אין דעם יעצטיגען שרעקליכען קריזיס, ניט ווענינגער ווי די קלאָוקמאַכער אַליין, דאָך געהט זי כסדר אָן מיט איהר רוטינער ארבייט; זי טוט אונ־טער די אומשטענדען פיל מעהר ווי מען האָט געקאָנט ביי אַזאַ צייט דערוואַרטען.

אין די גוטע יאָהרען, פאַר 1926, האָט די יוניאָן, צום ביישפּיל, ניט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי „דזשון ריאָרגאַניזיישאָנס". זיינען געקומען די קאָמוניסטען, אָט די וואָס הערען ניט אויף צו שרייען: „קאַמף", „אמת'ער קאַמף", און האָבען „געפיהרט אַ קאַמף", ביז זיי האָבען די קלאָוקמאַכער דערפיהרט צו די „דזשון ריאָרגאַניזיישאָנס". (מ'זאָגט יאַקבי אַז די בעלי־בתים וואָלטען מיט'ן גאַנצען הארצען געוואָלט זעהן אַזעל־כע „געראָטענע" פיהרער ביים קומענדען גענעראַל סטרייק; זיי וואָלטען זיך דאַן גע־פיהלט זיכערער צו קריגען וואָס זיי ווילען).

די „דזשון ריאָרגאַניזיישאָנס" זיינען אין דעם 1926 אַגרימענט אוועקגעשטעלט געוואָרען אַזוי, אַז איין פונקט האָט אָפּגע־שלאָגען דעם צווייטען. מען האָט דערפאַר קיינעם, וואָס איז אוועקגעשיקט געוואָרען אין דזשון, ניט געקענט ריאינסטיטיטען (דאָס איז נאָך אַ באַווייז פון זעהר פעהיגער סטרייק־פיהרערשאַפט...).

דער 1929 אַגרימענט האָט אויסגעמעקט דעם שעדליכען פונקט פון 1926, און האָט פעסטגעשטעלט, אַז קיין באָס טאָר די דזשון ריאָרגאַניזאַציעס ניט אויסנוצען אַלס מיטעל פאַר דיסקרימינײשאָן. די יוניאָן האָט געקראָגען דאָס רעכט צו אַפּעלירען צום אומפּאַרטייאישען טשערמאַן אין אַזעלכע פעלע.

דאָס האָט פאַרגרעסערט די פאַראַנט־וואָרטליכקייט פון דער יוניאָן. דער גענע־ראַל מענעדזשער האָט דורך דעם באַקומען אַ נייע פליכט און אַן אויפגאַבע, וואָס קיין גענעראַל מענעדזשער האָט ביז איהם ניט געהאַט — אַכטונג צו געבען און צו באַ־קעמפען יעדען איינציגען פאַרזוך פון איר־גענד וועלכען באַלעבאָס וואָס זוכט זיך צו באַנוצען מיט דיסקרימינאַציע.

צוויי רעאָרגאַניזיישאָנס זיינען פאַר דעם נייעם אַגרימענט געמאַכט געוואָרען. ביידע מאָל זיינען זיי פאָרגעקומען אין דער צייט פון קריזיס. באַטראַכט מען די ארבייט פון גענעראַל מענעדזשער, סיי פאַר אַ יאָה־רען און סיי דיזען יאָהר, זיין ענערגיע, זיין אויסגערעכענטע מעטאָדע און דער פע־היגער אופן פון אויפפאַסונג אין באַצוג צו יעדער באַזונדערער קייס, איז גאָר ניט קיין וואונדער וואָס די רעזולטאַטען זיינען געווען צופרידענשטעלענד. נאַטירליך איז ניט מעג־ליך צו געווינען י ע ד ע קייס. נאָך אַלע־מען איז דאָך דאָרט פאַראַן אַ ריאָרגאַני־זיישאָן פונקט אין אַגרימענט — אַן אָנ־דענקונג פון דעם חורבן פון 1926. וויכ־טיג איז אָבער דער פאַקט, וואָס אַקטיווע יוניאָן לייט זיינען כמעט אומעדום באַשיצט געוואָרען. דערפאַר קומט אָהן צווייפעל פיל קרעדיט ברודער י. נאַגלער. ער האָט פאַר זיך געהאַט אַ נייע אויפגאַבע, וועלכע ער אַליין האָט אויף אַ ווירדיגען אופן געלייזט.

***

אַ צווייטע וויכטיגע פראַגע איז לעצ־טענס אויסגעקעמפט געוואָרען דורך דעם אומפּאַרטייאישען טשערמאַן; דאָס איז די פראַגע פון ארויסשיקען ארבייט אין דער צייט וואָס די ארבייטער אינסייד סטאַפּען. די יוניאָן איז אַלע מאָל דערפאַר, אַז בעלי־בתים זאָלען בעסער אויפמאַכען די מלאכה אין זייערע אינסייד שעפּער. די ערפאַה־רונג האָט אונז געלערענט, אַז אין יעדען פאַל וואו אַ באַלעבאָס שיקט ארויס אר־בייט און לאָזט דעם אינסייד שאָפּ סטאַ־פּען, איז דערביי דאָ אַ דיסקרימינאַציע; באָסעס האָבען ליב אויסצוהונגערען זייערע אינסייד שעפּער, אַלס מיטעל צו צווינגען זיי נאָכצוגעבען אַ ביסעל פון די יוניאָן־קאָנדישאָנס. די פראַגע איז דעריבער גע־ווען: וואָס זאָל געטאָן ווערען אין אַזאַ פאַל, וואו דער באָס ווערט געאָרדערט פון דער יוניאָן און פון דער אַסאָסיאיישאָן, אַז ער טאָר ניט ארויסשיקען קיין ארבייט און דער באָס טוט זיך זיינס, טראָץ די אַלע אָרדערס און אָנזאָגונגען? דער אַגרי־מענט איז וועגען דעם ניט קלאָר אויסגע־שפּראָכען.

האָט ברודער י. נאַגלער, דער גענעראַל־מענעדזשער, אויפגענומען אַזאַ טעסט־קייס פאַר'ן אומפּאַרטייאישען טשערמאַן, וועלכער, אויסהערענדיג אַלע פאַקטען וואָס די יוניאָן האָט ארויסגעבראַכט, האָט אַנטשיידען, אַז די פירמע מוז באַצאָהלען 750 דאָלאַר צו דער יוניאָן גוט צו מאַכען דעם פאַרלוסט פון די ארבייטער, וואָס זיי האָבען געליטען דורך דער אויבען־דערמאָנטער האַנדלונג פון דער פירמע.

אָט דיזע ענטשיידונג איז העכסט וויכ־טיג דערמיט, וואָס עס איז אַצינד געמאַכט געוואָרען דער אָנפאַנג צו צווינגען די בעלי־בתים צו זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר זייערע האַנדלונגען און זיי מאַכען צו באַצאָהלען פאַר דיסקרימינײשאָנס וואָס זיי באַגעהען. באַרעכענט מען, אַז דאָס אַלעס איז אויס־געקעמפט געוואָרען גראַדע איצט, גראַדע דאַן, ווען די צייט איז שלעכט, איז דאָס די בעסטע און שטאַרקסטע דעמאָנסטראַציע פון דער יוניאָן'ס ווירקזאַמקייט, פון דעם אופן ווי זי איז שטענדיג אויף דער וואַך צו באַשיצען די אינטערעסען פון די אר־בייטער. צו דער זעלבער צייט איז דאָס דער בעסטער ענטפער צו די בייזוויליגע פאַרלוימדונגען וואָס ווערען געמאַכט פון די אַלערליי שונאים וואָס אונזער יוניאָן האָט.

***

דאָס ביז אַצינד געזאָגטע, באַציט זיך אויף פראַגען פון קאַרדינאַלער וויכטיג־קייט. דאָס איז, אַזוי צו זאָגען דער קאָפּ פון דער רויז. אָבער כדי עס זאָל פון אויבען זיך זעהן אַ רויז, מוז אין דער ערד זיין אַ וואָרצעל און אויף דער ערד — אַ שטאָם, אויף וועלכען די רויז וואַקסט און בליהט. אָט דיזע פונקציע טוען ביי אונז די ביזנעס אידזשענטס און די דיס־טריקט מענעדזשערס. דער כאַראַקטער פון זייער ארבייט איז כמעט אויסשליסליך אַ רוטינע. זי איז אָבער אַזאַ, וואָס אָהן דעם קען קיין יוניאָן ניט לעבען און פיהרען אַן עקזיסטענץ.

אין יאָהרען פון קריזיס, ווי עס זיינען די לעצטע צוויי יאָהר, איז די ארבייט פון די יוניאָן בעאַמטע זייער קאָמפּליצירט. עס איז רעכט אַז אַ ביזנעס אידזשענט זאָל אין איין טאָג אַטענדען צוויי קאָמפּלעינטס, אָדער אַטענדען צו צוויי שאָפּ־מיטינגען, און אין ביידע פעלע זאָלען די ארבייטער האָבען טענות. אין איין פאַל — וויל

הייטס-פּרינציפּ און געפיהל פון געגענזייטי-
גער זעלבסט-הילף?

* * *

אויב אַט אַזעלכע רייד האָבען ביז איצט נאָך ניט באַוויזען דער פיהרערשאַפט פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס עטוואָס צו לערנען אין אַט דער באַציאונג, וועט די פאַרשטאַרקטע נויט פון די אַרבייטער מאַסען אין אַמעריקא זיי זיכער פריהער אָדער שפּעטער עס צווינגען צו טאָן. וואָרים מיר טאָרען ניט פאַרגעסען, דאָס די לאַגע ווערט וואָס אַמאָל ערגער אַנשטאָט בעסער. און אַלע טרייסטענישען אויף בעסערע צייטען וועלען האָבען אַ קנאַפּע ווירקונג אויף דעם פּערמאַנענטען פּראָצעס פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט אין אַמעריקע.

אחוץ דער מאָמענטאַנער אַרבייטסלאָזיגקייט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַזונדערען עקאָנאָמישען קריזיס אין אַמעריקע און אויף דער גאַנצער וועלט, הערשט אין אונזער לאַנד אַ טעכנאָלאָגישע אַרבייטסלאָזיגקייט מיט אַלע יענע פאָלגען וואָס עס האָט נאָך מיט אַכט צעהנדליגע יאָהר צוריק פאָראויסגעזאָגט קאַרל מאַרקס. דאָס איז די אַרבייטסלאָזיגקייט, וואָס קומט לויט קאַרל מאַרקס' פעסטשטעלונגען פון דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, און פון אויטאָמאַטיזירונגס פּראָצעס פון דער מאַשין, וועלכע וואַרפט אַרויס פון דער פעקטאָרי די אומקוואַליפיצירטע אַרבייטער און באַנוגענט זיך בלויז מיט די קוואַליפיצירטע באַדינער פון דער מאַשין. דיזע אַרבייטסלאָזיגקייט איז ניט אַ רעזולטאַט, נאָר אַן אורזאַכע, פון דעם איצטיגען ווירטשאַפטליכען קריזיס. עס איז דער ערשטער גרויסער געשיכטליכער אַנזאָג פון צוזאַמענברוך פון קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס-סיסטעם, וועלכער שאַפט דורך זיינע מאָדערנע מאַשינאַריע פּראָדוקציאָנס-מיטלען די איצטיגע רעזערוו אַרמיי.

מיר האָבען נאָך ביז היינט צו טאָג ניט גענוג ערנסט און אויספירליך אָפּגעשאַצט דעם פּראָצעס און די פאָלגען פון דער טעכנאָלאָגישער אַרבייטסלאָזיגקייט. די טעכנאָלאָגישע אַרבייטסלאָזיגקייט איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיג זעהר יונג און האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט אין דער צייט פון פּראָספּעריטי, ווען אין יעדער אַרבייטער פאַמיליע איז געווען עטוואָס אָפּגעשפּאָרטעס געלט און ווען ריעל עסטייט, סטאָקספּעקולאַציע און בוטלעגינג האָט פאַר אַ קורצער צייט געגעבען אַ געוויסען טייל מענשען, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון פּראָדוקציאָנס פּראָצעס, לופטיגע באַשעפטיגונגען און ספּעקולאַטיווע פּרנסות. פּראָפעסאָר עבערלינג האָט פאַר די „אינוועסטיגייטאָרס" פון דעם „אינסטיטוט פאַר עקאָנאָמיע" פריי און אָפען ערקלערט, אַז ווען ניט בוטלעגינג וואָלטען זייט 1922 צוגעקומען נאָך צוויי מיליאָן מענשען אָהן באַשעפטיגונג און איינקונפטען.

אונטער דיזע אומשטענדען האָבען מיר די ערשיינונג פון דער טעכנאָלאָגישער אַרבייטסלאָזיגקייט ניט באַגריפען אין איהר טראַגישער גרויס און איהרע געפערלאַכע פאָלגען וועלען זיך אַרויסווייזען ערשט דאַן ווען מיר וועלען געוואָר ווערען ווי די אורזאַכען פון דער טעכנאָלאָגישער אַרבייטסלאָזיגקייט איבערשטייגען אַלע אַנדערע ווירטשאַפטליכע סיבות. לודוויק אַראָמעס דערצעהלט אונז אין זיין „דאַינעמאַיט", אַז פון 1899 ביז 1914 איז די פּראָדוקטיוויטעט פון אַן אַרבייטער אין אַמעריקע איינגאַנצען געשטיגען אויף איינס פּראָצענט, און אַז אין 1919 איז די פיזישע לייסטונגספעהיגקייט פון די אַרבייטער געווען אויף דריי פּראָצענט קלענער ווי אין 1914. ערשט אין 1921, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער ראַציאָנאַליזירונגס פּראָצעס אין דער ווירשאַפט, דאָס הייסט דער וויסענשאַפטליכער מענעדזשמענט אין דער פעקטאָרי, איז די פּראָדוקציע פון אַרבייטער אין אַמעריקע געשטיגען אויף גאַנצע פופציג פּראָצענט. אַזוי, אַז לויט די רעפּאָרטס פון דעם „יונייטעד סטייטס ביוראָ אָוו לייבאָר סטאַטיסטיקס", איז אין די יאָהרען פון 1925—1928, דאָס מיינט אין די יאָהרען פון קולידזשעס פּראָספּעריטי, שוין געווען אין אַמעריקע 1,900,000 אַרבייטסלאָזע. עקספּערטען האָבען פאַר דער „יונייטעד סטייטס סענאַט קאָמיטע אָן עדיוקיישאָן און לייבאָר" אין 1929 פעסטגעשטעלט, אַז אַ ציגעל מאַשין אין שיקאַגאָ אַרבייט אויס פערציג טויזענט ציגעל אַ שעה, בעת פריהער האָט אַן אַרבייטער אין פולע אַכט שעה בלויז אויסגעאַרבייט 450 ציגעל. זיבען אַרבייטער מאַכען איצט דיזעלבע אַרבייט ביי פאָרמירען אייזען מיט דער הילף פון אַ מאַשין, צו וואָס מען האָט בעפאָר באַדאַרפט האָבען זיבעציג אַרבייטער: צוויי אַרבייטער לאָדען איצט אָן דיזעלבע מאָס אייזען צו וואָס מען האָט פריהער באַדאַרפט 128 אַרבייטער. איין אַרבייטער אָפּערירט איצט ביים שמעלץ אויווען אַנשטאָט דריי און פערציג. די מייסטע באַטעל מאַשינען מאַכען אין דורכשניט אַזוי פיל פלעשער וויפיל עס האָבען געמאַכט 42 אַרבייטער מיט דער האַנט. אַ מאַשין צו פּרעסען שטאָל פרייםס מאַכט מיט דער הילף פון איין מענשען זעקס פרייםס אין אַ מינוט אָדער 3600 אין צעהן שטונדען. דאָס אויסצואַרבייטען מיט דער האַנט וואָלט מען באַדאַרפט האָבען 175 אַרבייטער.

—

איך וואָלט נאָך געקענט אָנגעבען הונדערטער פאַקטען, אָבער פון דעם געבראַכטען קען מען זיך שוין שאַפען אַן אידעע, צו וואָס פאַר אַן אַרבייטסלאָזיגקייט עס פיהרט די ענטוויקלונג פון דער מאַשינערי, וועגען וועלכער מאַרקס האָט גערעדט מיט אַזאַ מערקווירדיגער נבואה. מאַרקס האָט אָבער אויך פאָראויסגעזאָגט, אַז דער שטאַט וועט געצוואונגען זיין צו זאָרגען פאַר די אַרבייטסלאָזע מאַסען, פאַר דער רעזערוו אַרמיי, וואָס וועט דעקלאַסירט ווערען דורך דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס-סיסטעם.

סענאַטאָר באָראַ און אַלפרעד סמיטה, פּראָפעסאָר באָטלער און דער געלעהרטער ליבעראַל דזשאָן דיואי זיינען די פאָרלויפער פון קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און ווילען מיט זייערע פאָרזיכטס מאַסרעגלען רעטען דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם פון כאַאָס און רעוואָלט. אין אייראָפּאַ האָבען זיך די קאַפּיטאַליסטען שוין דערצו געוויינט צו פאַרזאָרגען די אַרבייטער אין צייט פון אַרבייטסלאָזיגקייט אָדער אין צייט פון אַרבייטס-אומפעהיגקייט. די אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען זיי דאָרט דערצו פּאָליטיש געשטויסען און די טרייד-יוניאָניסטען מעהר ווי אַלע אַנדערע.

איצט, אין צייט פון אַלגעמיינער נידערגעשלאָגענקייט, ווען די אַרבייטסלאָזיגקייט איז גרעסער ווי געוויינליך, רעדט מען נאָך פון אַרבייטסלאָזען הילף. קהל'ן זיך נאָך שטעדט און שטעטלאַך אין פאַרשידענע קאָמיטעס. זאָל אָבער נאָר אַביסעלע בעסער ווערען, וועט זיך אַלעס אָפּקילען און עס וועט אַפילו פון די געקינסטעלטע דזשאַבס און נדבה סופּס אַ האָר ניט בלייבען. די טעכנאָלאָגישע אַרבייטסלאָזיגקייט מיט אַלע איהרע טרויעריגע פאָלגען וועלען אָבער בלייבען. ווער וועט פאַר די אַרבייטסלאָזע דעמאָלט זאָרגען, אויב די מלוכה וועט זיי ניט פאַרזאָרגען?

פון מאָנאַט צו מאָנאַט אין דער אַרבייטער באַוועגונג

(שלוס פון זייט 9)

פון קאָנספּיראַציע צו קענען זיי פאַרשפּאַרען אויף לאַנגע יאָהרען אין טורמע.

דער ערשטער וואָס איז גע'משפט געוואָרען איז פרייגעשפּראָכען געוואָרען פון דער דזשורי. אַפילו די ניט איבערגעשפּיצטע פאַרמער-דזשורי האָט די אַנקלאַגע ניט געקענט אָפּנאַרען מיט די אַלע פּאַטריאָטישע שטיק צו שיקען אַ מענשען צום טויט אויף אַזוינע לעבערליכע באַווייזע. איצט, ביים טרייעל פון צווייטען פון די קרבנות, האָט די אַנקלאַגע זיך שוין דערפאַר בעסער צוגעגרייט. אַ גאַנצע רייהע פּראָוואָקאַטאָרען טרעטען אויף אַלס עדות געגען דעם אָנגעקלאָגטען, און עס שיינט אַז דורך טעראָר איז זיי אויך געלונגען אַריבערצוגעווינען מאַנכע פון די אָנגעקלאָגטע אַליין צו ווערען פאַררעטער און אויפטרעטען געגען זייערע ברידער. דער לעבען פון די אָנגעקלאָגטע מיינער שיינט ווירקליך צו זיין אין געפאַהר סיידען די גאַנצע אַרבייטער באַוועגונג וועט זיך באַצייטענס נעמען צוריקשלאָגען די טיפעלשע פאַרשווערונג פון די קוילען-באַראָנען מיט דער דאַרטיגער רעגירונג.

ער איז צו שטרענג, און אין צווייטען — אז ער דאַרף זיין נאָך שטרענגער. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם אום'ברחמנות־דיגען קאַמף פאַר ברויט, וואָס האָט גע־מאַכט א טיפע, פּסיכישע ענדערונג אין דער באַציהונג פון די מעמבערס און די פאָ־דערונגען וואָס זיי שטעלען, יעדערער אויף זיין שטייגער, צו דער יוניאָן. דאָך ווערט די ארבייט געטאָן יעדען טאָג. מען נעמט אויף קאָמפּלעינטס און מען שליכטעט זיי; ארבייטער ווערען אָפּגעזאָגט און די יוניאָן ריאינסטייטעט זיי. דאָרט וואו מען קען ניט ריאינסטייטען די ארבייטער, ווערען אָנגעגעבען די אורזאַכען, וואָס זאָלען אין יעדען באַזונדער פאַל, קלאָר מאַכען, וואָ־אָס דיזע קלאַסיפיקאַציע איז בלויז פון די ניו יאָרקער שעפּער. אין ברוקלין איז די ארבייט גאַנץ אנדערש אוועקגעשטעלט. צוליב דעם וואָס לעצטען סיזאָן זיינען אלע ברוקלינער שעפּער ריאָרגאַניזירט געוואָרען, זיינען די קאָמפּלעינטס פון א גאַנץ אנדער כאַראַקטער. דאָס זעלבע אויך די אלגע־מיינע אונטערזוכונגען. אין ברוקלין ווערט אויך א סך צייט אוועקגעגעבען, כמעט יעדען טאָג, מיט אונטערזוכען פאַרשידענע שעפּער, צי זיי ארבייטען ניט פאַר סטרייקענדע פירמעס. דער אָפיס האָט געהאַט 46 קלאַגען פון שטיק ארבייט און 19 „דיס־טשאַרדזש" קלאַגען פון וועלכע 15 זיינען ריאינסטייטעט געוואָרען.

דעם ברוקלינער אָפיס קומט אליין אויס רום אומיצער האָט ניט געקענט ווערען רי־אינסטייטעט; אָדער, ווארום א געוויסער קאָמפּלעינט איז אויסגעגליכען געוואָרען דורך א קאָמפּראָמיס.

עס איז ניט מעגלאָך איבערצוגעבען אין דיזען באַשרענקטען פּלאַץ איינצעלהייטען פון די באַריכטען וואָס אלע דיסטריקט מענעדזשערס האָבען לעצטענס צוגעשטעלט פון זייער ארבייט פאַר'ן פאַרגאַנגענעם ווינ־טער סעזאָן. מיר ווילען בלויז פּראָבירען געבען א טאַבעלע פון דעם כאַראַקטער פון די קאָמפּלעינטס, פון יעדען אָפיס באַזונ־דער. מעהר ווייניגער קען מען דערפון זיך פאָרשטעלען א בילד פון דער רוטינער ארבייט פון די דיסטריקט אָפיסעס.

	דזשאָבערס דעפּאַרטמענט	אינדאַסטריעל קאָונסיל	אַמעריקען דעפּאַרטמענט „א"	אַמעריקען דעפּאַרטמענט „ב"	ראַן מאַן	טאָטאַל קייסעס
טאָטאַל קייסעס אויפגענומען	481	891	657	344	226	1802
שכירות און „בעק פּעי"	7	48	127	68	21	269
שטיק ארבייט קלאַגען	1	9	76	48	7	141
באַשעפטיגען ניט יוניאָן ארבייטער	3	5	78	22	—	108
שיקען ארבייט אין ניט יוניאָן שעפּער	75	48	56	4	—	183
דיסקרימינירען געגען די אינסייד ארבייטער (דורך ארויסשיקען ארבייט, לאָזענדיג זיי ליידיג)	8	44	18	1	—	71
ניט געקראָגען דעם יוניאָן סקייל (פּרייזען איי־בערגעמאַכט פאַר די ארבייטער)	3	14	31	11	2	61
ניט גלייכע טיילונג פון ארבייט	—	82	64	26	—	172
אונטערגעזעצטע שכירות	—	21	32	13	—	66
שלעכטע באַהאַנדלונג (צו ארבייטער אָדער צום ביזנעס אייזשענט)	—	—	13	—	1	14
פירמעס וואָס טוען ארבייט פון יוניאָן לייט	—	11	7	8	4	25
קאַטערס קאָמפּלעינטס	—	19	—	47	1	67
קאָרפּאָריישאַנס	—	—	—	4	1	5
לאָקאַוטס	—	—	26	4	—	30
שכירות פאַר ארבייטער פון קאָנטראַקטאָרס	29	4	—	—	—	33
אומגעזעצליכע שטונדען	—	8	—	—	1	9
באַשעפטיגט א קאָנטראַקטאָר אינסייד	3	—	—	—	—	3
באַשעפטיגען קאַטערס אָדער טעמפּעל מאַכער	29	—	—	—	—	29
באַשעפטיגען אינסייד פאַרשידענע ארבייטער	13	—	—	—	—	13
שיקען ארויס געשניטענע ארבייט	4	—	—	—	—	4
פאַרשידענע קאָמפּלעינטס און קאָנטראָלס	2	2	—	—	182	186
ענטזאָגונג פון ארבייט (צאָל קייסעס)	7	76	129	75	6	293
פון דיזע צאָל ענטזאָגטע זיינען ריאינסטייטעט געוואָרען	6	60	92	60	4	222

צו טאָן אביסעל אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט, פאַר וועלכעס עס איז אין ניו יאָרק פאַראַן א ספּעציעלער דעפּאַרטמענט. דערפאַר איז ניט מעגליך, דיזען מאָל צו קלאַסיפיצירען די ברוקלינער קאָמפּלעינטס אויף דעם זעל־בען אופן ווי די קאָמפּלעינטס פון די ניו יאָרקער דיסטריקטען.

דער דזשאָבערס דעפּאַרטמענט האָט, א חוץ די רעגעלע קאָמפּלעינטס, אויך געפּאָ־דערט 94 אונטערזוכונגען פון די ביכער פון די דזשאָבערס, אויסצוגעפינען צי זיי האַנדלען מיט ניט יוניאָן קאָנטראַקטאָרס. אזוינע אונטערזוכונגען זיינען אויך גע־אָרדערט געוואָרען אין די שעפּער פון יע־דען דיסטריקט אָפיס, כדי אויסצוגעפינען פאַרשידענע פאַרברעכענס געגען דעם אַג־רימענט. ליידער האָבען די אנדערע מענע־דזשערס, אין זייערע באַריכטען ניט אָנגע־געבען די צאָל אונטערזוכונגען פון ביכער. אָבער אָהן א שום ספק קען געזאָגט ווערען, אז ביכער זיינען אונטערזוכט געוואָרען אין הונדערטער פעלע.

מיר האָבען אין דער טאַבעלע אויך ניט געקענט אָנגעבען, אין ציפערען, די טעטיג־קייט פון דעם אָרגאַניזיישאָן דעפּאַרטמענט. אָבער מיר וועלען פּראָבירען געבען א קור־צען סך הכל פון די ארבייט פון דיזען דעפּאַרטמענט.

כדי צו אָפּשטעלען שעפּער, מוזען זיי פריהער אונטערזוכט ווערען, אום די אר־בייט זאָל ניט געטאָן ווערען בלינדערהייט. אונטערזוכט מוזען דעריבער ווערען אלע שעפּער געגען וועלכע קאָמפּלעינטס קומען אריין אין דיזען דעפּאַרטמענט: ניט־יוניאָן שעפּער אזוי גוט ווי שעפּער וואָס ווערען איבערגעשיקט פון די דעפּאַרטמענטס אַלס אומקאָנטראָלירבאַר. אָפט ווערט אויסגע־פונען, אז אזעלכע שעפּער זיינען גאָר ניט קיין קלאָוק שעפּער. די צאָל אונטערזוכו־נגען איז דעריבער אָפט מיט ארום 40 פּראָ־צענט מעהר, ווי די צאָהל וואָס ווערען אָפּ־געשטעלט.

פאַר דיזען ווינטער סיזאָן זיינען אונ־טערזוכט געוואָרען 326 שעפּער, פון וועל־כע 174 שעפּער זיינען אָפּגעשטעלט געוואָ־רען. פון די דיסטריקט אָפיסעס האָט מען געאָרדערט אָפּצושטעלען 56 שעפּער. דער דעפּאַרטמענט האָט אָפּגעשטעלט 118 נייע ניט יוניאָן שעפּער פון וועלכע 63 האָבען געסעטעלט; 36 זיינען געווען געצוואונגען ארויסצוציין פון ביזנעס און נעגען 19 שע־פּער ווערט נאָך אָנגעפירט סטרייקס.

די 63 שעפּער האָבען געסעטעלט אויף פאָלגענדען אופן: 42 האָבען זיך אָנגע־שלאָסען אָן דער „אמעריקען אַסאָסיאיי־שאָן"; 16 שעפּער האָבען זיך אנגעשלאָסען אָן „אינדאָסטריעל קאָונסעל"; 3 האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער דזשאָבערס אַסאָסיאַ־איישאָן און 2 האָבען געסעטעלט אינדע־פּענדענט.

די אויסגאַבען פאַר די אָרגאַניזיישאָן ארבייט זיינען געדעקט געוואָרען פון דער

נייעס און פּאַסירונגען אין דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן פון טאָראָנטאָ

פון א. קירזשנער, וויס־פּרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

●

די קלאָוקמאַכער יוניאָן לעבט איצט ווי אויף א פייער־שפּייענדען בארג. מען קאָן זיך ריכטען אז צו יעדער מינוט וועט דער בארג אויפמאַכען זיין מויל און אָנפאַנגען שפּייען מיט פייער. אין יעדען שאַפּ טומעלט זיך. די מאַנופעקטשורערס האַלטען אין איין פּלאַנעווען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דער יוניאָן. א פּאָר מאַנופעקטשורערס האָבען שוין דעם אָנפאַנג געמאַכט. זיי האָבען זיך פאַרבענקט נאָך די אַמאָליגע גוטע צייטען, ווען עס איז קיין יוניאָן נישט געווען, און זיי האָבען געקאָנט טאָן וואָס זיי האָבען נאָר געוואָלט, געוועזען די אַליין־הערשער ביי זיך אין שאַפּ. מיט איין וואָרט, עס איז זיי געווען וואויל און גוט.

דער ערשטער אָנפאַנג האָט געמאַכט די „עסקסקלוזיוו קלאָוק". מר. ראָזענבערג, דער אייגענטימער פון שאַפּ, האָט אויסגעאַרבייט נאָר א גוטען פּלאַן, האָט פאַרמאַכט דעם שאַפּ, געהייסען אַלע ארבייטער גיהן און געעפענט א נייעם שאַפּ, אריינגענומען א גוט באַקאַנטען סוביעקט, מכלומרשט געמאַכט איהם פאַר דעם גאַנצען באָס און געמאַכט דעם אָנשטעל אז ער נעהמט ארויס פון די קלאָוק־ביזנעס און געהט אפשר האַנדלען מיט תפילין אָדער ציצית. אָט מיט דעם סקים האָט דער אויבען־דערמאַנטער באָס גערעכנט, אז עס וועט איהם געלינגען אָפּצונאַרען די יוניאָן און פאַרניכטען די יוניאָן־באַדינגונגען. ער האָט אָבער געמאַכט א גרויסען טעות. די יוניאָן איז געווען אויף דער וואַך, און אַזוי שנעל ווי דער נייער שאַפּ איז געעפענט געוואָרען איז א סטרייק דערקלערט געוואָרען און עס וועט נישט נעמען לאַנג און די פירמע וועט ווערען איבערציינט, אז מיט סקימס קאָן מען פון דער יוניאָן נישט אַנטלויפען.

איך וויל דאָ באַמערקען, אז דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס די פירמע פּרובירט מזל מיט אַזעלכע סקימס.

די צווייטע פירמע, וואָס פּרובירט איצט איהר מזל, איז די סאַפּירא קלאָוק קאָ. אויך די פירמע האָט אויסגעאַרבייט אַן עהנליכען פּלאַן. זיי האָבען אויסגעזוכט א פּאָר פאַרקויפטע נשמות, אויפגעמאַכט א פּאָר נייע שאַפּס מיט די אויבען־דערמאַנטע סוביעקטען אַלס כלומרשט־באָסעס און געלאָזט וויסען די 150 בעל־מלאָכות וואָס די פירמע באַשעפטיגט, אז זיי קאָנען נישט באַשעפטיגען דעם גאַנצען סעט, נאָר זיי וועלען קאָנען באַשעפטיגען בלויז א האַלבען סעט. אָט אַזוי, מיט איין וואָרט, האָבען זיי געוואָלט מאַכען ברויטלאָז 75 בעל־מלאָכות.

מיר האָבען זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אונזער דזשענעראַל סעקרעטער, ברודער דובינסקי, און ער האָט אונז גלייך צוגעשיקט וויס־פּרעזידענט פיינבערג פון מאָנטרעאָל און מיט א טאָג שפּעטער איז געקומען קיין טאָראָנטאָ וויס־פּרעזידענט ברעסלאָוו. נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך א ביסעל באַקאַנט מיט דער לאַגע, האָבען אונזערע געסט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אויבען־דערמאָנטע פירמעס. נאָר לײדער האָבען די אַלע קאָנפערענצען נישט געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטען.

די פירמעס זיינען געווען געצוואונגען אָפּען צוצוגעבען, אז עס איז נישט קיין פראַגע פון פאַרקלענערען די ביזנעס. פאַרקערט, די סאַפּירא קאָ. איז געווען געצוואונגען צוצוגעבען, אז זיי דענקען נאָר צו פאַרגרעסערען די ביזנעס, נאָר עס איז דער „ביג סטיק", די יוניאָן, פון וועלכער זי וויל פּטור ווערען. עס האָבען נישט געהאָלפען די ארגומענטען פון די ברידער פיינבערג און ברעסלאָוו, אז מיט אַזאַ שריט וועט די פירמע ברענגען צו אַזאַ צושטאַנד, וואָס די גאַנצע אינדוסטריע וועט דערפון ליידען. וואָס געהט זיי אָן די אינדוסטריע, אַזוי לאַנג ווי זיי זעהען נאָר די מעגליכקייט צו מאַכען עקסטרא פּראָפיטען, מעג שוין די גאַנצע אינדוסטריע געהן צום טייפעל. און עס איז בלויז א פראַגע פון שטונדען ווען אונזערע מעמבערס וועלען אויסגעשלאָסען ווערען און פאַר דער יוניאָן וועט נישט בלייבען קיין אַנדער אויסוועג ווי רופען א סטרייק.

זעהענדיג, אז מען קען נישט קומען צו א פרידליכען אויסגלייך מיט די פּאָר איינגעשפּאַרטע און פאַרביסענע מאַנופעקטשורערס, איז גלייך גערופען געוואָרען א ספּעציעלער מיטינג פון דזשאָינט באָארד, און די ברידער פיינבערג און ברעסלאָוו האָבען פאָרגעשלאָגען, אז די יוניאָן זאָל גלייך צוגרייטען א קאַמפּס־פאָנד, ווייל א קאַמף איז אונפאַרמיידליך. די דזשאָינט באָארד האָט גלייך דערפיהלט די ערנסטע לאַגע און באַשלאָסען, אז יעדער קאַטער, אָפּרייטאָר און פרעסער זאָל געטעקסט ווערען מיט 10 דאָלאַר און יעדער טרימער, אונטערפרעסער, העלפער און פינישער — מיט 5 דאָלאַר.

מיט א טאָג שפּעטער איז גערופען געוואָרען א שאַפּ־טשערמאַן מיטינג צוזאַמען מיט אַלע עקזעקוטיוו באָארדס. די ברידער פיינבערג און ברעסלאָוו האָבען דעם מיטינג אַדרעסירט און די פאַרזאַמעלטע האָבען גוטגעהייסען דעם טעקס.

מאָנטאַג, נאָוועמבער 17, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א גענעראַל מעמבער מיטינג. דער גרויסער אוידיטאָריום פון דעם ליבאָר־ליסעאום איז געווען איבערגעפּאַקט. טאָראָנטאָ האָט שוין לאַנג נישט געזעהן אַזאַ באַגייסטערטען מיטינג. עס האָט אונז דערמאָנט אָן די באַגייסטערטע מיטינגען מיט 2 יאָהר צוריק אײדער עס איז געריפען געוואָרען דער גענעראַל סטרייק. נאָכדעם ווי אונזערע געסט האָבען אין באַגייסטערטע רעדעס אויפגעוויזען וואָס עס קען מיינען פאַר די קלאָוקמאַכער, אויב עס וועט די באַלעבאַטים געלינגען צו באַזיגען די יוניאָן, און אונטער וועלכע אומשטענדען עס וועט די ארבייטער דאַן אויסקומען צו ארבייטען, און נאָכדעם ווי א פּאָר מעמבערס האָבען גערעדט אין דעם זעלבען זין, איז איינשטימיג באַשלאָסען געוואָרען אָנצונעמען דעם טעקס.

און זאָל דאָ באַטאָנט ווערען, אז ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דער סיזאָן איז געווען א שלעכטער און דער סיזאָן איז פּאַקטיש צו ענדע, איז עס פּשוט געווען א פאַרגעניגען צו זעהן ווי גלייך אויף מאָרגען נאָך דעם באַשלוס איז דער אָפּיס געוואָרען ביזי מיט קאָלעקטען דעם טעקס. ביי דעם איצטיגען מאָמענט הערט מען ניט קיין אַנדער וואָרט פון די קלאָוקמאַכער ווי טעקס. עס איז פאַר מיר קיין צווייפעל ניט, אז מיר וועלען ארויס ערפאָלגרייך פון דעם איצטיגען קריזיס.

**

ווי שוין באַוואוסט פאַר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט", האָבען מיר א לאַנג פאַרצויגענעם סטרייק. לעצטע וואָך האָבען מיר געהאַט א קאָורט־טריעל און 4 פון אונזערע סטרייקערס זיינען פאַר'משפּט געוואָרען — 2 האָבען געקראָגען צו 6 מאָנאַטען, און 2 צו 3 מאָנאַטען. אָט דער שווערער אורטייל האָט אונז געטראָפען זעהר שווער. אָבער מיר זיינען גלייך געקומען צו זיך און זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט ארויסצוראַטעווען אונזערע פאַר'משפּט'ע ברידער און מיר וועלען ניט רוהען ביז וואַנען עס וועט נישט געלינגען די ברידער צו באַפרייען.

**

לויט דעם ראַט פון דעם דזשענעראַל אָפּיס, האָבען זיך די דרעס־מאַכער אָנגעשלאָסען אָן דזשאָינט באָארד, און ברודער ס. קרייזמאַן, א גוטער אַקטיווער טוער אין דער יוניאָן, איז באַשטימט געוואָרען צו האָבען די טיילווייזע אויפזיכט אויף די דרעס־מאַכער און צו דער זעלבער צייט העלפען די קלאָוקמאַכער. עס איז צו ערוואַרטען, אז מיט דער מיטהילף פון ברודער קרייזמאַן וועלען מיר זיין מעהר ערפאָלגרייך אין דער ארבייט.

„אינטערנעשאנעל". די סומע פון איינ־
טריטס־געלט וואס די לאקאלס האבען אריינ־
גענומען פון דיזע ארגאניזירטע שעפער באַ־
טרעפט ארום 6000 דאלאר.

אט דאס איז, אין קורצען, א סך הכל פון די רוטינע ארבייט פון די פארשידענע אפיסעס דורך דעם משך פון איין סעזאן.

**

פון די ציטונגען איז שוין באוואוסט די נייעס, אז ברודער י. נאגלער האט מיט איניגע וואכען צוריק אנאנסירט אז ער האט ניט בדעה אנצונעמען אויף ווייטער די נאמינאציע פאר גענעראל מענעדזשער פון קלאוק מאכער דזשאינט באארד. מיר האָבען זיך געישוב'ט, צי מיר זאלען דיזען ענין באריכטען אדער ניט. נאר אזוי ווי ערקלערונגען זיינען שוין וועגען דעם געמאכט געווארען אין דער פרעסע פון צוויי לאקאלע מענעדזשערס, גלויבען מיר אז עס איז נויטיג ארויסצוברענגען אויך אונזער שטאנדפונקט וועגען דיזער העכסט־וויכטיגער סיטואציע, וואס איז לעצטענס געשאפען געווארען.

די אויבענדערמאנטע ערקלעהרונג איז, לויט אונזער מיינונג, געקומען ניט דערפאר וואס ברודער י. נאגלער האט געוואונען „דאס גרויסע געווינס" און גייט אריבער אין אן אנדער קלאס; עס איז אויך ניט דערפאר, וואס די ארבייט, אלס פירער פון דזשאינט באארד, איז איהם ניט מעהר ליב; אדער אז דער אמט איז ניט מעהר גענוג בכבוד'יג. עס איז מעהר אן אויסדרוק פון ערשעפטקייט, פון ניט האבען מעהר קיין כוח צו קעמפען געגען די פארשידענע שוועריגקייטען וואס ווערען געמאכט „פרינציפיעל" אדער באוואוסטזיניג.

מיר ווילען דא קיינעם פערזענליך ניט וועה־טאן. מיר זוכען בכלל ניט צוצושפיליען די פאראנטווארטלאכקייט אויף דעם אדער יענעם. אבער עס מוז דאך פאר'ט אמאל געזאגט ווערען דער ביטערער אמת.

די סיסטעם פון פינאנסירען אונזער יוניאן איז אין די לעצטע יאהרען אזוי אוועקגעשטעלט געווארען, אז דעם קלענסטען פינאנציעלען חלק באקומט גראדע דער דזשאינט באארד, וואס איז דער חוט השדרה פון די ניו יארקער קלאוק מאכער לאקאלס. אט די קערפער־שאפט, אויף וועמעס פלייצעס עס ליגט די גאנצע פאראנטווארטליכקייט און די גרויסע, זעהר שווערע משא, דורכצופיהרען אלע לעבענסוויכטיגע פונקציעס פון דער יוניאן, באקומט ניט גענוג רעגעלע איינקונפט צו קענען נארמאל דורכפיהרען איהר מיסיע. כדי צו ערפילען זיינע גרויסע אויפגאבען און אויפצוהאלטען זיין פרעסטיזש פאר דער עפענטליכקייט און צו שפילען די ראָלע, וואס דעם דזשאינט באארד קומט, לויט זיין בארוף און פארנעם, מוז ער, שוין צו אפט, פארלאנגען פון די לאקאלס ספעציעלע ביישטייערונגען. ער מוז עס דערפאר, ווייל די לאקאלס, וועמעס אנגעטור דער דזשאינט באארד איז, האבען ביים אויסמאכען די ביודזשעטען ניט באשטימט גענוג פינאנציעלע מיטלען, מיט וואס צו קענען די פארצווייגטע ארבייט דורכפירען.

וואס מער אמביציע, קוראזש און ענערגיע א גענעראל מענעדזשער באזיצט, וואס מעהר ער טרייעט אויסצונוצען אלע זיינע כוחות כדי צו די ארגאניזאציע צו פארשטארקערען, צו מאכען איהר איינפלוסרייכער, אלץ מעהר פארביטערט מוז ער פיהלען, ווען ער ווערט דורך דער פינאנציעלער סיסטעם געשטערט אין דער דורכפיהרונג פון זיינע פלענער און אידעען. איין זאך איז זיכער, אז דאס איז א צושטאנד, וואס מוז וואס שנעלער געענדערט ווערען.

די פראגע פון ברודער י. נאגלער'ס ערקלעהרונג איז שוין פארהאנדעלט געווארען ביי מיטינגען פון די לאקאלע מענעדזשערס, ביי די לאקאלע עקזעקוטיווע באארדס און איז אויך אויפגענומען געווארען ביים מיטינג פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל. אלע, אהן אויסנאהם, האבען אויסגעדריקט זייער בעסטען מיינונג און די גרעסטע צופרידענהייט מיט דער ביז איצטיגער גוטער ארבייט פון ברודער י. נאגלער. זיי האבען אויך אויסגעדריקט זייער אויפריכטיגען וואונש און פארלאנג, דאס ברודער י. נאגלער זאל ענדערען זיין שטעלונג און באשליסען ווידער אנצונעמען אלס גענעראל מענעדזשער און פארבלייבען אויף זיין וויכטיגען פאסטען פאר דעם קומענדען יאהר. איצנד, ווען דער הימעל ווערט אלץ מעהר פארוואלקענט און עס פיהלט זיך אין דער לופט דער אנזאג פון א גרויסען, שרעקליכען שטורם, איז די פליכט פון א קאפיטאן צו פארבלייבען ביים רודער.

„וואו עס איז דא א ווילען, ווערט געפונען א וועג". לאמיר האפען, אז א וועג וועט געפונען ווערען צו באזייטיגען די פינאנציעלע שוועריגקייט פאר'ן דזשאינט באארד און מאכען מעגלאך פאר ברודער י. נאגלער אלס גענעראל מענעדזשער, צו קענען אין דער צוקונפט, אהן וועלכע זארג, אנגעהן מיט זיין ארבייט און מיט זיינע פלענער. צוליב די פאסירונגען וואס מיר ערווארטען דעם קומענדען זומער איז דיזע פראגע איצינד פיל מעהר וויכטיג ווי זי איז ווען עס איז געווען.

**

אונזערע בעלי בתים האבען שוין באצייטענס אונז געלאזט וויסען, אז זיי ווילען וואס שנעלער מיט אונז אנפאנגען קאנפערירען וועגען א נייעם אגרימענט. זיי מאכען ניט קיין סוד, וואס זיי ווילען פון אונז. זיי ווילען שטיק־ארבייט.

צום לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד, דעם 18טען נאוועמבער, איז דער ריבער פרעזידענט ב. שלעזינגער געקומען און אונז איבערגעגעבען וואס די בעלי בתים ווילען און אויך דעם ענטפער, וואס ער, אלס פארשטעהער פון דער יוניאן ווען דארויף געבען. צוליב פארשטענדלאכע אורזאכען, ווילען מיר איצינד ניט באריכטען קיין אנדערע איינצעלהייטען פון מיטינג. וואס מיר ווילען יא באטאנען איז אז די יוניאן איז אויף דער וואך! די לאגע ווערט ריכטיג פארשטאנען און ווי געהעריג אפגעשאצט. די וואס קענען גוט אונזער פרעזידענט וויסען, אז ער איז — ווי דער ענגלענדער זאגט — „עס היז בעסט" ביי אזא סיטואציע.

אין דעם ריכטיגען מאמענט און צו דער באשטימטער צייט, וועלען די פלענער, אזוי גוט ווי די פאדערונגען פון דער יוניאן, וואס זי גייט אויסארבייטען פאר'ן נייעם אגרימענט, פארעפענטליכט ווערען. פארלויפיג קענען מיר בלויז ווידערהאלען: די יוניאן איז אויף דער וואך!

ארבייטסלאזיגקייט פארגרעסערט זיך אין אלע לענדער

לויט די באריכטען אין דעם „קאנעדיען קאנגרעס דזשורנאל" איז די ארבייטסלאזיגקייט געשטיגען אין אלע לענדער דורך די לעצטע עטליכע מאנאטען.

אין אויסטראליע באריכטען די דארטיגע יוניאנס, אז פון א מיטגלידערשאפט פון 430 טויזענד זיינען איבער 118 טויזענד ארבייטסלאז. דאס איז א פארגרעסערונג אויף 2 פראצענט אין פארגלייך מיט די פריהערדיגע 3 מאנאטען.

אין עסטרייך איז די צאהל ארבייטסלאזע אין סעפטעמבער געווען 196 טויזענד 325. דאס איז מיט 500 מעהר ווי אין אויגוסט.

אין בעלגיען זיינען איבער 9 פראצענט ארבייטער אין גאנצען ארבייטסלאז און 16 מיט איין דריטעל פראצענט ארבייטען בלויז א פאר טעג א וואך.

אין טשעכא־סלאוואקיע איז אין אנפאנג אויגוסט געווען איבער 209 טויזענד ארבייטסלאזע. דאס איז מיט 20 טויזענד וועניגער ווי אנפאנג יולי, אבער מיט ארום 50 טויזענד מעהר ווי אין דער זעלבער צייט לעצטען יאהר.

אין דענמארק איז די צאהל ארבייטסלאזע דורכ'ן לעצטען מאנאט געשטיגען מיט איינס פראצענט.

אין פראנקרייך איז דורך דעם מאנאט אויגוסט די צאהל ארבייטסלאזע פארגרעסערט געווארען מיט 3 טויזענד.

שטארק פארגרעסערט געווארען איז די צאהל ארבייטסלאזע אין דייטשלאנד. אין מיטען סעפטעמבער זיינען דארט געווען רעדזשיסטרירט 4 מיליאן 324 טויזענד. דאס איז מיט אומגעפעהר 200 טויזענד מעהר ווי אין אויגוסט.

דאס זעלבע כמעט איז געשעהן אין אלע אנדערע לענדער.